STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11666

# ""BAZUNDER"" LIDER

Jacob Isaac Segal

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. י. סיגאַל

# „באַזונדער" לידער

פארלאַג „רויע ערד"—מאנטרעאל, 1921

איך האָב די לידער אין קיין שום אויסערליכען סדר ניט צוזאַמענגע־שטעלט. אפשר האָב איך בלויז א טראַכט געטון וואָסער ליד איך זאָל שטע־לען אײנאָנהויב, אַלע לידער האָב איך אָבער אין קיין אָפּטיילונגען ניט איינגעטיילט. קיין „סעריעס" ניט געמאַכט פון זיי,— איך האַלט עס פאַר אַן׳אומוויכטיגער און אומוואָרער אַרבייט.

ניט איבערדרוקען אָדער איבערזעצען אָהן מיין הסכמה. —י. י. סיגאַל

י. י. סינגער

## עס רייסען זיך איבער...

עס רייסען זיך איבער די אייזערנע קייטען,
און ס'ווערט קיינער ניט פריי, און ס'ווערט קיינעם ניט לייכט.
עס וויקלען זיך טויטען אויף טויטען און טויטען אין טויטען,
און ס'האט נאך ניט קיינער, ניט קיינער
די אייביגקייט פון רוה דערגרייכט,—
עס וואקסען די רוהיגע שטיינער...

שפילען די הענט זיך מיט גאלדענע פעדים,
און וועבען און וועבען...
און ס'געהט אום מיט אפענער שאנד נאך
און נאקעט מיין לעבען,
דאס אייביגע רוהיגע לעבען מיינס...

מען האט שוין די טורמס די הויכע צעווארפען,
און ס'קלעטערט די אומרוה אויף איינציגע ווענט נאך ארומ'עט,
און וואס מ'האט געהאט ביז אצינדער און וואס מען וועט דארפען
דערצעהלט ניט דער פינסטערער טרויער,
דערצעהלט ניט דער אומעט,—
די שטיינער וואקסען גרויער און גרויער...

שפילט מיין געדאנק זיך מיט גאלדענע חלומות
מיט טרוימען, מיט שוימען...
קעגען דער זון ווערט א חלום א גאלד'נער,
דער רויך פונ'ם קוימען...
דער רויך פונ'ם קוימען...

## אַנגעצונדען.

אנגעצונדען ליכטיגקייט און ס'איז נאָך פינסטער אַלץ פון מיר צו דיר.
ווייסע הענט האסטו געהאַט און אַ ווייס פּנים, און דיין גאַנץ לייב
האָט מיר דאָך אָפּגעגעבען די גאַנצע ווייסקייט שפּעטער.
איך בין ליכטיג געוואָרען אויף אַ קורצער צייט
און די שוואַרצע פלעקען־געדאַנקען מיינע האָב איך דיר ניט געוויזען.
שפּעטער, שפּעטער ווען איך האָב דיין גאַנצע ווייסקייט שוין געהאַט,
האָב איך דיר איבערגעלאָזען יעדען אָווענט,
מיט מיינע שוואַרצע ראָבען אין מיין שטוב.

פאַרהאַנגען, פאַרהאַנגען אויף די פענסטער אויף די דרויסענשטוביגע
האָסט דאָס קינד מיט שטומען כעס פאַרוויגט.
און אַז דאָס קינד איז שוין געשלאָפען צודריקט פון שלאָף,
האָסטו זיך אוועקגעשטעלט אַנטקעגען די ראָבען
אין הכנעה'דיגען שוויגען זיי געשאָלטען...
פולע נעכט מיט קללות דיינע טרייבען מיך אַרום איינאַליין
צום געשפּעט פון צייט און חלום בין איך,
נאָר דו מיינסט אַז אין אַ קרייז פון ליכטיגקייט
דרעה איך זיך אַרום שטענדיג...

ווייסטו דאָך אַז דאָס פענסטער האָסטו אַליין פאַרהאַנגען.
מיט דיינע הענט אַ ווייס־געקווייטעלטען פאַרהאַנג פאַרהאַנגען,—
געהסטו צו און שאַרסט אוועק דעם פאַרהאַנג,
זעהסטו די וועלט אַ דייניגע, אַן אמת'ע, אַ פרוויליכע,
און איך בין נישטאָ אין דער וועלט,—
קאָן איך נישט זיין אין דיר...
ווילסטו מיינע ראָבען אויך אַרויסטרייבען מאָרגען אינדערפריה
בשעת דאָס קינד וועט נאָך אין שלאָף רוהען...

## ס׳וועט זיין גוט...

דורכגעלאָפען איז דיין קעלט א רויטליכער קאַפּריז
איז

מיין קאַפּריז איז דאָס געווען,
צו זעהן,
צי האָסטו עפּעס נאָך,
א יאָך
ארויפלעגען אויף מיר,
איך זאָל איהם טראָגען ביז׳ן טויט אזוי פאַר דיר,
און דורכגעהן בלינד פאַר יעדער אָפ׳נער טיר,
וואָס וועט ארויסקוקען אויף מיר...

דורכגעציטערט האָט אין מיר א בלויליכער געפיהל—
קיהל.

דיין געפיהל איז דאָס געווים,—
קאַפּריז—
צו זעהן צו איז פאַר דיר נאָך דאָ
א שעה
אין מיר, צי א מינוט
עס זאָל די שווארצע שאָטענדיגקייט פון מיין גלוטיג בלוט,
ארוים — און וואָס דו וועסט מיר געבען וועט זיין גוט,—
א שעה צי א מינוט....

# טעג...

פאַרפלייצטע טעג שטעקן די קעפּ אַרויס צו מיר—
אַראָפּ דאָס שוואַרצע וואַסער און דאָס גרינע וואַסער,
לייכט און לאַכיג־ליכטיג קוקן זיי מיט קלאָרע אויגן:
פון אַלע פאַלשע פייערפלאַמען זיינען מיר שוין ריין,
דו ביזט אויך שוין ריין פון זיי.
זאָלן דיינע אויגן לעבן שוין אין אונז!

מיינע אויגן לעבן מיט צוריגעקומענע טעג.
קריעה האָב איך שוין געריסן. — איצט ווערט גאַנץ צוריק
וואָס איך האָב פון זיך געפּליקט אַליין
און וואָס עס האָט פון מיר זיך אָפּגעפּליקט אַליין.
ערגעץ פלאַטערט ווייס אַ ווייסע פאָן,
אַ לייכטערווינט זאָגט עס אָן,
זיינערע נעכט קומען.

מיינע אויערן לעבן מיט די טריט פון קומענדיגע טעג.
מיט ליידיגע הענט קומען זיי, קומען זיי.
עס פלאַטערט נישט קיין פאָן איבער זיי,
מיט מידע טריט.
מיט שטויביגע שיך שטויביגע קליידער,
נאָר מיט קעפּ געהויבענע צום הימעל,
מיט אויגן געלייטערטע אין הימעל...

## אנ׳אויסגעטונענער...

ביינאַכט... עס ברענט ליכט אין שלאָפצימער ביי מיר,
איך זיץ א נאַקעטער און נעבען מיר מיין פרוי — א נאַקעטע,
און פונ׳ם בלינדען געשפּרעך פון אָרימקייט,
האָט מיין פרוי פאַרקירוועט צו מיין קאָפּ זיך—
א גרויע האָר האָט זי דערזעהן דאָרטען,
זוכט זי נאָך גרויע האָר...
זוכט זי און געפינט...

ווי קומען גרויע האָר צו מיר אצינד?
זילבערעלענט, זילבערעלענט אין מיין קרוינקאָפּ!
זיי קומען פון די הייסטע נעכט,
ווען גאָלד האָט געשוימט און פאַרפּלייצט,
אַלע ראַנדען פון פאַרחלומונג...
געלאָזט א ווייל אריין א זייל פון קינדשאַפט,
וואָס האָט געוואָרענט ניט געהן צו ווייט,
ווייל אין דער ווייטקייט ווערט די בלויקייט פינסטער,
פאַרדאַרטע סקעלעטענבוימער...
נעסטלאָזע, פעסטלאָזע...

זוכט מיין פרוי דען יענע נעכט אין זיי?
ווייסט זי דען דורך וועלכע זינד און ווינט
איך בין געקומען צו זיי?
ביינאַכט... עס ברענט ליכט אין שלאָפצימער ביי מיר...
איך לעש אוים דאָס ליכט:—
פון א זילבעריגען טייכראַנד געהט אויף
א זון א גאָלדענע, א רויטגאָלדענע,
און דער טייך איז אַלץ זילבעריג,
ווערט זילבעריגער...

# איך ווער דאָך קראַנק.

איך ווער דאך קראַנק אצינדער אין די אָנגעקומענע זומער פריידען
ווען די טעג מיינע הויבען אָן שוין ווערען לענגער און ברייטער,
וואוהין זאָל איך מיין שמאָלען גוף אַוועקרופען, וואוהין?
ווי טויבען וואָס זיינען אינדערלופט פליענדיג פאַרגליווערט געוואָרען,
הענגען איבער מיר די ווייסע וואונקען פונ׳ם פרילינג מיינעם.
איצט ווער איך קראַנק און הויב זיך אָן צו שעמען
און אין מיינע אויגען דעקען זיך צו וואונדען,
אין מיינע האָר אופ׳ן קאָפּ וועקט זיך פון שלאָף א ווינטער א פריציייטיגער,
און ווינטען וועהען נידעריג אויף דער פלאַך פון מיין שאַרבען
און ציטערן זיך אויפצוהויבען העכער....

איך ליג איצט אויף דער גאַנצער ברייט פון מיינע זומערטעג א קראַנקער,
מען געהט אַוועק פון מיר און מען קומט צו מיר צוריק צוגעהן;
מען קוקט אויף מיר און מען זעהט מיך ניט אין מיין קראַנקהייט.
צועפען איך אַלע פאַרמאַכטע פענסטער פון מיין אומעט,
און עס פלייצט אַריין א גאַנץ פעלד מיט תבואה,
און א גאַנצער וואַלד מיט ביימער.
און מיין קראַנקהייט ווערט פאַרוואַנדעלט אין א פרישען טייך
און איך באָד זיך אין רוישיגע כוואַליעס...

איך ווער געזונט און ריין אין די פאַרגעהענדיגע פריידען פון מיין זומער... —

# איך געה.

איך געה איבער מיין וועלט ארום אהער. אהין
און טראכט פון וואנען שפיגעל איך זיך אפ אזוי שטענדיג
אין אזא געוועב פון גרינע קנייטשען טרויעריג?
אז איבערגעהאקטער געדאנק — אהין־אהער —
הענגט אויף דער שווארצקייט פון מיין זעהן.
שטימונגען? אפגלאנצען אויף מיין אויבערליכטיגקייט,
וואס וויגט זיך הין און הער און וועבט זיך אויס א ווייט,
אויף לופטיגע שפינוועבסען — אהין־אהער — — — —
כ'שפאר אן מיין הארץ אן טיש, נעם די פען און שרייב:
א פול פעלד מיט גאלדענע געדאנקען־זאנגען,
פון מזרח און פון מערב קומען ווינטען, (וועמעס ווינטען?)
און זינגען איבער זיי און לייטערן זיי...
און איבער די ווינטען שיינען מיינע אויגען,
שיינען אהין און אהער... אהער און אהין — — —

איך שנייד אראפ די געדאנקען־זאנגען פון מיין פעלד,
פאלען די מזרח־ווינטען און די מערב־ווינטען צו דער ערד...
איך קוק און קוק... געוועב פון גרינע טרויעריגע קנייטשען—
איך האב א פול פעלד מיט זילבערנע סנאפעס...

## צוריק...

איך געה און קום און געה אוועק צוריק,
און קאן צוריק נישט קומען וואו איך וויל...
איך שפּיל...
א שפּיל פון פעדים זיידענע מיט גראָבע שטריק
ארום מיין אויפגעהעלטענע אויפגעקוועלטען גייסט...
איך הער ווי ס'ציטערט, ס'פליקט זיך און עס רייסט,
איך הער ווי ס'קראַכט און ברעכט א בריק זיך נאך א בריק...
דאך — כ'געה און קום און — געה אוועק צוריק...
כ'בין פרעהליך אדער אומעטיג ?—
— אומעטיג — — — — —

איך זעה דורך שווארצע דיקע הויכע ווענט
ווי עפּעס פינסטערס צינדט זיך אן און ברענט
צושפּיצט איז פלעמלעך לויטערע זיך פיל,—
א שפּיל...
א שפּיל... א ציל...
א שפּיל פון פלעמלעך זיידענע מיט טויטע ווענט...
איך וואלט די פלעמלעך אויסלעשען געקענט,
און אומוואַרפען די טויטע ווענט,
נאר טרויעריג און עלענט זיינען מיינע הענט...

כ'בין פרעהליך אדער אומעטיג?
— אומעטיג — — — — —

## ווען דער זונטאג וועבט אוים.

אויפדערנאכט ווען דער זונטאג בלאסט,
און שיידט זיך מיט דער גויאישער רוה,
ווארפט אראפ פון זיך די גויאישע הייליגקייט,
און קרימט שטיל איבער די פולע קלאנגען פון קלויסטער,
דאמאלסט בין איך מיט א שטימונג פארשיינט.
וואס הייליגט פאר מיר אלטע ספרים־שמות;
און צו מיין מאמען גלוסט מיר צוגעהן און זאגען:
מאמע, זאג אצינד גאט פון אברהם.—
זיי אלע האבען אונזער שבת צוגע'גנב'עט
און איהם אויסגעשפרייט אויף זייער זונטאג,
און איהם אפגעגילדט מיט זייער גאלד,
מיט זייער זילבער אפגעזילבערט,
מאמע, זאג איצט גאט פון אברהם.

## אנ'אינדערפריה.

פענסטער אינדערפריה, — צום הימעל ארויף קוקען זיי!
אינדערפריהיגע פענסטער האָפען קלאָרע אָפענע צום אָפענעם טאָג,
מיט הצלחה־שטילקייט, מיט הצלחה־שטילקייט־קילקייט,
מיט גרוים־הצלחה־שטילקייט איז אָפּגעטיילט שטויב פון לופט.
און די פענסטער זיינען ריין, פון דער נאַכט ארוים לויטער.
אינדערפריה אויף דער וועלט.

איך בייג זיך אוים און גלייך זיך אוים, אָט אזוי!
פון אונטער'ן שלאָף ארויסגעקראָכען בין איך מיד,
פלעשער פורפור וויין זיינען געשטאַנען אויף מיין פענסטער.
ביי דער מאַניפעסטאַציע פון זונאויפגאַנג,—
איצט זיינען די פלעשער וויין פארשוואונדען.
נאָר די פענסטער קוקען פול מיט האָפנונג אין דער וועלט אריין.
קוק איך דורך דער האָפנונג־העלקייט פון די פענסטער
אין דער וועלט ארוים — — — — ווער איך אָפענער... אָפענער...
אינדערפריה אויף דער וועלט.

וואו זיינען די בושעלם פונ'ם בארג פונ'ם פארכמורעטען הימעל,
וואָס זיינען נעכטען פארנאַכט געשטאַנען דאָרט ביים מערב־וועלט,
און האָבען געשפּיצט אָנטקעגען מיט גאָלדענע שנאָבלען?
אך, ווייט איז איצט דער הימעל פון דער ערד,
ווייט און נישט אייגען—
אינדערפריה אויף דער וועלט.

## באַרג אַרויף צו די עלטערע יאָרען.

באַרג אַרויף צו די עלטערע יאָרען לויפען שטענדיג די מענשען,
וועל איך ניט פון אַלע מענשען אָפּשטעהן און וועל לויפען...
פרעגען פרעג איך ניט נאָך וואָס, — איך וויים דאָך,—
אַלע לויפען באַרג אַרויף צו די עלטערע יאָרען...
עס רינט אַרונטער די פאַלשע שוואַרצקייט פון די האָר,
די פאַלשע פאַרב פון׳ם פנים, דאָס בלוטיגע געזאַנג,
און עס ווייזט זיך אויפ׳ן צלם אלוהים דאָס קנייטשען־כתב...
און אויף די שעהנע הענט — דאָס קנייטשען־כתב.
בוימערצווייגען... רוהיג־וויגענדיגע בוימערצווייגען,
די שעהנע בוימערצווייגען פון פנימער...
דאָרטען, דאָרטען אויפ׳ן באַרגשפּיץ איבער די אָפּגרונטען,
טרעפען זיך די מענשען מיט די עלטערע יאָרען אָן...

איך וועל לויפען אהין... איך וועל לויפען אהין מיט אַלע מענשען.
מיט אַלע צווייפעלדיגע וועל איך לויפען זינגענדיג דאָס אייזען־פייעריגע ליידען.
גאָרנישט האָבען זיי געשמידט פאַר'ן גרויסען שרעק פון דער וועלט,
פון יונגע יאָרען לאָזט דער שרעק זיך ניט באַצווינגען,
ניין, ער לאָזט זיך ניט באַצווינגען!
און די אַלטע יאָרען זילבער'ן אויף די בערגשפּיצען,
שווער דער וועג צו זיי...
מיט נסים איידער מען דערגרייכט צו זיי...

שנייען פאַלען... שנייען פאַלען און צוגעהען גרוי...
ער וועג צו די עלטערע יאָרען איז ווייס און גרוי.
ינדער טראָגען נאָך קרענצלעך פון בלעטער און בלומען
ערען זיי זיך אום פון מיטענוועג...
רענגען זיי אהיים פאַרוועלקטע בלעטלעך און ריטלעך,
ון פאַרגעסען דעם שפּאַן פון זייער צוריקער פון מיטענוועג...
יינען די פענסטער פון די שטיבער אָפען,
פען יעדען טאָג באַזונדער...

יך קוק פון ווייטען, געהענדיג נאָך רוהיג צו מיינע עלטערע יאָרען,
ון הינטער מיר זיינען די פענסטער פון אַלע שטיבער אָפען...

## זאלסט מיך היטען, פרוי מיינע.

דו זאלסט מיך אפהיטען און זאלסט זיך פאר מיר היטען...
ס'פוילט יעדעס יאר א צאן אויס אין מיין מויל,
און יעדעס יאר גיט זיך אן אדער נאך דער לויזקייט
פון באגערען וועלכע מוזען שלאפען לאנגע יארען־יארען
אינדערפינסטער וואו די בלוטען תפילה'ן נאך,
און בעטען רוה, און בעטען חושך...
און בעטען לייכטיגקייט און שאטען—שטיין.
דו זאלסט מיך אפהיטען!

ארויסגעריסען האב איך זיך פון אלע לעצט־דור'יגע.
כ'בין שפעט געשטאנען ביי א ווייכען ברעג און זיך אויפגעהאלטען
איך זאל נישט אנרירען די צווייטע הויט פון אומגליק־בארען.
ווייל מידקייט שמידט מיין אימפעט אויף אין נייקייטען
אין וואונדערליכע וואסער־פייעריגע נייקייטען.
און שוידעריג נישט נאכגיביגער עלטער.

מיט'ן אנרופען מיך ביים נאמען רופסטו עפעס אפ ביי מיר.
איך בעט ביי דיר נישט קיינזאך — היט מיך בלויז.
פאר די ציין וואס פוילען אויס, ביזטו נישט שולדיג דאך אינגאנצען
און פאר די נאכגעלאזטע אדערן — יא אפשר...
נאר — היט מיך כאטש!
אז כ'טוליע זיך צו דיין ווארימער פלייצע צו ביינאכט אין בעט
נישט רוק זיך אפ פון מיר, ליג שטיל און פעסט:
איך האב זיך איבער זומפיגקייט געקייקעלט,
מיט האלב־געליימטע אברים,
און זיך צוגעקאטשעט צו א פלויט — — — —
לאז מיך! אפשר וועל איך זיך ארייננוועהען צוריק אין זיך...

# איך.

לויפען אַף די רעלסיגע לאַנגע שעה'ן פון דער פרעמד־געוואָרענער וועלט,
אַלצדינג מיטגעשלעפּט און אַוועקגעוואָרפען ערגעץ מיסטיג.
נעם איך זיך צונויף מיט אַלע מיינע לעצטיגקייטען אין מיין נאַכט אַריין,
זעץ אַוועק זיך אינ'ם רויך פון זייערע לופטען און ריחות,
און איך וועג אויף שפּינוועב־וואַגשאָלען מיין שווערקייט:
כוואַליעט לייכט א שמייכעל ארום מיינע אויגען:
ווי די שטילקייט פון מיין פאַרלאָרען ליכט,
וואָס ליגט ערגעץ באַהאַלטען נאָך, ביז איך לייכט...
ווי די ווייטקייטען וואָס האָבען נישט דערזעהן מיין שאָטען נאָך,
און רופען מיך ניט, ביז איך לייכט...
גלאַטע הימלען שוועבען נאָך איבער מיין קאָפּ — — — —
אונטער גלאַטע הימלען גרויען זיך איינציגע האָר אויף מיין קאָפּ,
איינאיינציגע טייערע גרויע האָר...

איך האָב צעוואָרפען וועגען קרומע אויף דער האַרמאָניע פון דער וועלט.
פליהט ניט איבער זיי קיין פויגעל, ליגט זיך ניט אויף זיי קיין שאָטען
קיינער וועט צו זיי דערוווייל נישט בענקען און נישט גאַרען,
אַפילו שניי וועט איבער זיי נישט ווייסען זיך פון ערגעץ
איך וועל קיין זון צו זיי נישט רופען,
קיין לבנה נישט, קיין שטערען.
אין די נעכט, זעה איך, פאַלט אויף זיי לבנה־שטויב זאַמדיג,
גלייכען זיי זיך אוים און ציהען זיך צו זוניגע וויזיאָנען...
ערגעץ ליגען גרויסע שטעט צעוואָרפען נאַקעט און צושפּרייט
און דרעהען זיך צו די קרומע וועגען מיינע וואָס איך האָב צוואָרפען
איבער דער האַרמאָניע פון דער וועלט....

# רויער ערד גערדאַנק.

אונטער דער רויער ערד פון מיין צייטיג אויפבליען
קאָנצענטרירט זיך אָפּט א געלע שרפ׳דיגע לאַווע;
עס שטעלט זיך אָפּ א געלער גרונט פון אייביגער חושכ׳ניש,
עס שפּראָצען אויף, ווי חלומ׳דיג, זאַנגען, גאָלד־רויטע זאַנגען,
און בייגען זיך און ברעכען זיך איבער...
צעשווימט די צייט אין רוים, און וואַסערווינטען בלאָזען,
און צובלאָזען תוהו ובוהו איבער מיין רויער ערד.
גישטאָ קיין פויגעל־געפּלאַטער פון גערדאַנק און געפיל,—
א שטומער פיש א ריזיגער ליגט ביי דעם ברעג פון עלענטען ים,
אנ׳עלענטער אין תוהו־ובוהו...

מיליאָנען דורות האָבען דעם רויש פונ׳ם תוהו־ובוהו־רים פארנומען,
און דאָס שווייגען זיינס האָט קיינער ניט דערהערט...
און דעם שטומען פיש ביים ברעג, דעם שרעקליך־שטומען פיש,
האָט קיינער ניט געקאָנט דערזעהן...
יעדען טאָג איז איפגעקומען א זון צו צולייכטען,
און יעדען אָווענט איז די זון א פוסטע אוועקגעגאַנגען...
און איצטער, פון נייַנצענאַיינאונצוואַנציג אַן,
אין ביז־השמשותדיגען צוואַנציגסטען יאָרהונדערט,
קאָנצענטרירט זיך אונטער מיין רויער ערד
א געלע שרפ׳דיגע לאַווע...
און אַלץ וואָס ס׳האָבען געשרייען פון זיך ארויסגעשטויסען,
ווערט פארטריקענט און פאַרוויאַלעט און פאַרוועלקט,
פון אַלע עקען וועלט פון אַלע ברעגען ערד...

## אַפּגעוועזן...

כ'בין אַפּגעוועזן מיט דיר אַזויפיל יאָרען־יאָרען,
און איצטער אַז דו ביזט נישטאָ, — ביזטו נישטאָ...
אין דער פרייד פון דיין פרוויליכקייט
ביזטו געוועזן מיר אַזוי אידיש,
אַזוי ליכטיג אידיש,
און קליינשטעטעלדיג שעהן...

און האָבענדיג דיך דאָ, נעבען זיך,
האָב איך געגלויבט אַזוי,
אַז ס'קומט נאָך היינט יעדען שבת גאָט אַרונטער פונ'ם הימעל,
אין די קליינע שטעטלעך פון ליטע פוילען און וואָלין,
און בענשט און הייליגט קליינע אויסגעצוואָגענע קינדער,
וואָס שטעהען אַרום טיש אויף בענקלעך,
און טאַנצען פונ'ם טאַטענס זמירות...

און איך, דער כלומרשט אַפּגעריסענער,
אוועקגעלאָפענער פון אַלע הייליגקייטען,
טראָג נאָך אין זיך דעם צער פון יענער וועלט
וואָס לעבט אויף קברים און שפּראָצט ווידער אויף פון זיי
אַריבער'ן פּלויט פונ'ם בית עולם...

בין אַפּגעוועזן מיט דיר אַזויפיל יאָרען־יאָרען,
און איצטער אַז דו ביזט נישטאָ, ביזטו נישטאָ...

## די רעדער פון אומגליק.

עס דרייען די רעדער פון אומגליק זיך ארום דער זון,
און ס'שלאָגט די זון אין זיי ניט אַז זיך קיינמאָל...
עס גורען זיך צונויף די לעצטע דורות מענשען,
און רעדען צווישען זיך און סוד'ען זיך פון עפּעס רויטע נעפּלען,
וואס האבען זיך באוויזען אויף דער בלויער לויטערער צייט,
אינמיטען גרינענדיגע חדשים — פרילינג־מאַי צייט,
מיט די שפּיציגע גליענדיגע אויגען אין יולי־זומער אריין...
און איינציגע, מיט געלען כעס אין די פּנימער,
און מיט שפּיציגע נעזער קעגען טויט, שרייען:
מיר האבען גרויסע ברייטע ברעטער און מולטערס,
און מיר וועלען מיט די משפּחות אונזערע,
אויף זיי זיך אויפזעצען שווימען ביז די זיבעציגער יארען,
ווען ס'וועט די זון די ערד צוואַש'ן.
און איינציגע, מיט פעטער זאטקייט אויף פּנימער
און קייַלעכדיגע נעזער פול מיט גם־זו־לטובה־חלב,
דידאַזיגע רונד־לעבענדיגע שרייען:
מיר וועלען מיט אונזער פעטס די צו־אש'טע ערד
צוריק פארשטיינען, צונויפקלייען, צונויפקלעפּען...
און בוימער וועלען וואקסען אין אונזערע גערטנער,
און פיש וועלען זיך פּלאַדיען אין אונזערע ימ'ען,
און עס וועט גוט זיין דער פולער זומער,
און עס וועט שעהן זיין דער צאַרטער פרילינג
און דעם ווינטער וועלען היטען ווייסע בערען־בוימער,
א סך, אסך אריבער די זיבעציגער יאַרען...

עס דרעהען די רעדער פון אומגליק זיך ארום דער זון
און ס'שלאָגט די זון אין זיי ניט אַז זיך קיינמאָל...
און וועט זיך קיינמאָל ניט אנשלאָגען אין זיי.

## פון שוואַרצע הענט אַראָפּ...

פון שוואַרצע הענט אַראָפּ פאַלט מיין ליִד, מיין אומגליק, מיין הימעל,
ברודער, פריינט אידישער אונטער'ן חלף פון אונטערגאַנג.
דאָס קלענסטע ברודערל אונזערס איז שוין ניט פרום
און אַז די מאַמע וואַשט גרעט, נעמט זי צונויף די העמדער
די ליילעכער און די ציכעז און די האַנטוכער,
פאַרוואַלגערט זיך א לייבצודעקעל אַן עלענטס,
וואַשט זי עס נאָך אויבעט אוים מיט אַזויפיל גוטסקייט,
און פאַרגעסט אַז קיינער טראָגט עס נישט אויפ'ן לייב...
אוי, ברודער אידישער! גלויב מיר אַז עס עקעלט מיך
פון מיינע הענט און פים און פון מיינע תאוהם,
פון מיינע אידעאַלען־בליטען פון די תאוה'ס.
ס'איז דאָך אַזוי פראָסט צו גלויבען אין קאַרל מאַרקס חשבונות,
אַז דאָס אויסגעדאַרטע שוסטער־מענשל מיט די מאַלפּע־הענט
נעמט אַן זיין אינגעל פאַר'ן הענטעל און פאַרהערט איהם
די סדרה, דאָס דאַווגען און טראַכט דערביי,
אַז „פון די נאַרישקייטען דידאָזיגע איז ער שוין אַרוים,
נאָר — זאָל דאָס אינגעל וויסען פון א גאָט אויף דער וועלט".
ווי ער האָט געוואוסט בשעת אינגעלצייט.
א גאָט אויף דער וועלט,
א גאָט אויף דער וועלט!

## אין קלאָרע וואַסערען.

אין קלאָרע וואַסערען פאַרשפּיצען זיך מיט רויטען גאָלד די קאַלטע שטערען,
וואָס הענגען אין דער שפּעטקייט פון מיין בליק און נאַכטען טונקעל;
אין קלאָרע וואַסערען פון דורכלויפענדע יונגע האָפנונגען, פאַרצווייפלונגען,
פאַרשפּיצען זיך די שטילע, קיינמאָל נישט ארויסגעקוועלטע טרעהרען.

איך האָב קיין וואָרט פאַר קיינעם ניט, האָב זיך מיט קיינעם נישט פאַרבונדען
אין מיין יונגען לעבען נאָך אויף רגע'ם צווי—זיך צו געדענקען.
איך בין רייך אין זינקענדיגער איינזאַמקייט וואָס צינדט אָן שטערען
ציטעריגע אין מיינע שוואַרצע, מיינע בלוט־פאַרטריקענטע־וואונדען.

איך האָב ליב מיין אומעט מיט זיין טונקעלען צוזאָג אויף א גוטען חלום.
ערשט נישט לאַנג האָב איך זיין טיפען חן דערזעהן און זיך פאַרוואונדערט;
ערשט נישט לאַנג האָב איך דערפיהלט זיין וואַכען איבער מיין נשמה,
זיין שיינען איבער מיינע אויגען דורך מלאכים און טייוואָלים...

מיין ריינסטע רוה וואָס קוועלט ארויס פון מיינע בלינדע בלוטען.
טראָגט איהם, טראָגט איהם צו דעם שעהנעם ברעג וואָס הויכט מיט סוד נאָך,
טראָגט איהם, טראָגט איהם צו דעם שענעם ברעג וואָס הויכט סוד נאָך,
און שיינט פאַנטאַסטיש־בלוי אמאָל, אמאָל אין קילע טונקעלע מינוטען...

## דערוויל.

איך בין דערוויל דאָס ליד פון א פאַרפוילטען גאַלדענעם באַרג,
וואָס פאַרשפּרייט דערשטיקענדיגע געריכען...
איך בין דערוויל דאָס ליד פון פרישע סיפלים־וויטאַגען:
דאָס ליד פון צופוילטע פראַנצעוואַטע נעזער,
אויף פּראָסטיטוטקע־פּנימער...

איך בין דערוויל דער נאַר וואָס זאָגט אויס אַלע מיאוסקייטען
וואָס איין וועלט גיט דער צווייטער איבער צו באַהאַלטען...
איך בין דערוויל דער גנב וואָס נעמט ארויס זינד פון קברים,
און הענגט זיי אַן אויף זיין לעבעדיגען האלז
פולע שאַרבענס מיט זינד...

איך בין דערוויל דאָס ליד פון צובראַכענע וועגענער.
דאָס ליד פון משוגענע פערד וואָס לאָזען קיינעם ניט צו,
און מען מוז זיי דורך א לאָך האָבער אריינוואַרפען אין שטאַל
און האָדעווען אומזיסט אומנישט.—
צו דער פּגירה...

בין איך דערוויל דאָס ליד פון זיך אַליין,
פון זיך אַליין — אַן אָפּגעבראָכענער שפּיץ פון א שווערד,
אינ׳ם בויך פון א צעווילדט־צעוויטאַגטען סאַלדאַט.
וואָס ליגט אַליין אין א זומפּ אין פעלד
און מייז גריזשען דאָס פעטע צאַפּעלדיגע פלייש
פון זיין הינטערחלק...

# אויב...

אויב איך נאָר אַף דעם אייגענעם שאָטען מיינעם,—
וועט ער מיך באַשטראָפען פריה'ר צו שפּעטער, סײַוויסיי.
מיין פייער ברענט און פאַרברענט גאָרנישט אין זיך,
ווייל אַלץ איז לופטיג, לויטער שטענדיג.
זינד פאַלט אַף ווי זאַמדען איינציג פון יעדערן:
האָט קיינער קיינמאָל נישט קיין צאָרן אַנגעשיקט אויף מיר,
כ'בין גוט מיט אַלעמען פון אַלע ווינקלען פון דער וועלט,
ווייל כ'נאָר אַף מיין אייגענעם שאָטען...

מיט אַנגעשטרענקטען געדאַנק האַלט איך זיך אויף
אויף ברעקלעך קראַפט וואָס ווימלען אין מיין נאַכט:
מיין מידקייט הענגט אויף שטאָלענע קייטען
און טויזענט גלעקער האַלטען איין זייער קלאַנג,
זייער מורא'דיגען קלאַנג פאַר מיר...
זייער פינסטערען אָפּקלאַנג איבער מיין קאָפּ...

אַ קליין שיפעל אין טאָג איז אָוועקגעשוואָומען
עס שווימט אַצינד צוריק אַ מידס... אַ ליידיגס...
איך שטרעק אויס מיין לעבען,—
אַהער, אַהער אַריין!
נאָר די נאַכט פאַלט צו...

## אונטער דער ערד מיינער.

אונטער דער ערד איז ליכטיג, אזוי ליכטיג איצט.
איך פיל די ליכטיגקייט אין מיינע טריט אויף איהר.
איך זאפ איהר שיין אריין אין זיך:
וועב אוים עפעס אין זיך פאר דער פינסטערניש.
וואס רוקט זיך אן אויף מיר דורך הימעלוואלקען.
איך זאל זיך צולייכטען און שפעטער אריין.
אין שפעטען שפעטער אריין...

כ'וועל אין שפעטען שפעטער לעבען אינ'ם שיין פון זינד
פון פריסטען נעכטען, פונ'ם פריסטען טאג
וואס כ'האב פארזוכט די זיסע היציגקייט
צופרידענשטעלענדיג זיך מיט א פרוי.
די שטארקע מידקייט נאך דער גאנצער נאכט
ווען דער ווייסער טאג איז אנגעקומען בלוי פון דער נאכט ארויס,
אין יענעם זינדליכט וועל איך לעבען...

כ'וועל אין שפעטען שפעטער אפלעבען די שיין פון זינד
פונדערזייט וועלטבארג וועל איך זיצען זיך,
פארקוקען זיך אויף געשוואלענע וואלקענס
וואס וועלען ציהען פון ווייטען האריזאנט.
און העכער, העכער וועט דער בארג אלץ וואקסען.
און פינסטערער וועט ווערען מיין קאפ,
און מיין נשמה וועט זיך נורען, קארטשען זיך
און זיך באהאלטען פאר דער גרויסער שרעק,
נאר נישט אויף לאנג, באלד וועט זי אפשפרינגען
און פרייער אויפרייסען דאס הארץ:
איך באהאלט זיך ניט!
איך האב קיין מורא ניט!
איך קאן שוין פריי ווערען,
מיט אפענע אויגען...

## צו ע. ס.

כ'וועל ביסלעכווייז דיר אויסטיילעז אלצדינג
וואס ליגט שוין טויט אין מיר אין שפינגעוועבעז;
ביי דיר וועט אלץ נאך אויפשיינעז צוריק
און יונג מיט דיר נאך חלומעז דיין לעבעז...

כ'האב יעדעז שרעק וואס האט א טרער געלאזט פאר דיר,
שוין אויסגערייניגט. — קאנסט שוין רוהיג ווארטעז,
פון גארנישט טרויערעז, פון גארנישט צווייפלעז מעהר,
פון גארנישט איבערקלערעז, איבערטראכטעז.

און וואונדער־סמנים — ס'איז נישטא פון זיי
קיין זכר שוין... ס'איז ריין אלצדינג פאר דיר און פייר'ריג;
כ'שטעה ביי א שמאלעז ברעג... דאך פעסט אזוי...
און בין נישט אומרוהיג און בין נישט טרויעריג...

איצט קאן איך ניט ארויסרייסעז נאך אלץ
וואס איז פאר דיר אין מיר טויט־דייף געווארעז;
איך קאן ניט אלץ דיר צוטראגעז פון הארץ
וואס איז אין מיר שוין טויט פאר דיר זייט יאהרעז...

# מורא.

אזויפיל רויש פון מיאוסקייט האט זיך אנגעקליבען, אנגעזאמעלט
אין דעם חלל פון מיין הויכקייט און מיין ווייטקייט ביז אצינד,
אז וואס איך שיק ארויס פון מיין ריינעם גייסט אמאל,
ציטערט אינדערהויך זיך אויפהויבען:
מיט מורא פליהט עס און דערהויבט זיך אין דער לופט רגע'דיג,
מיט מורא קוקט עס ארונטער צו מיר, פלאטרענדיג,
מיט מורא פאלט דער לעצטער אפפונק אויף מיר אראפ,
ווען עס זעהט זיך שוין נישט מעהר קיין פינטעל פון דעם...
כ'בין אויף א ריינעם וועג ארויסגעגאנגען זוכען זונען פאר מיינע טעג
וואס איך האב אומגערן דורך זינד אומגליקליכע פארלאשען;
צום וועג בין איך דערגאנגען נאר געטראפען האב איך דארטען,
די אויסגעלאשענע זונען פון מיינע אייגענע טעג...
בין איך צוריקגעגאנגען מיט פינסטערניש צוריק פינסטערן,—
זיך לעשען אין די אויסגעלאשענע טעג.

זיץ איך איצט און פינסטער אין פארלאשענע טעג
נאר כ'פיל אויף מיינע ברעמען שוין דעם אפשיין פונ'ם וועג
וואס שפרייט זיך אויס צו מיר פון סופלאזער ווייטסייט...
מיינע אפגעשטארבענע טריט צייכנען זיך נאך לייכט פאר מיר,
עס שוועבט דאס ליכט פאר מיינע טעג
וואס איז מיר דורך זינד פארלאשען געווארען,—
זונען קומען...

## דו...

דו טיילסט מיט מיר אזויפיל גרויסען אומגליק שטענדיג,
דו געהסט מיר אין א פארפירטער פינסטערניש,
דו פאלסט אויף קברים און טרעטסט אויף מתים:
דו וואשסט מיט בלוט זיך אין די וואונדען מיינע,
דאס בלוט וואס טריפט פון מיין הארץ אין דיינס אריבער,
און דו וויסט נישט און דו פיהלסט נישט...

דו לעבסט מיט מיר די גרעסטע סודות איבער,
מיינע וואכיגע רייד דערהויבען און באשענען דיך:
מיינע ליידען דערוויטערן דעם טויט דיינעם פון דיר,
און דו געהסט גלייכגילטיג פארביי מיין בעט ווען כ'שלאף קינדיש,
און זעה אוים אונבאהאלפען אזוי און נישט מענליך...
געהסט גלייכגילטיג מיין לעבען דורך,
עס טוט מיר וועה אמאל...
נור מילא, — ביזט דאך שוין פאראן אין הויז אזויפיל טעג,
און שפילסט זיך מיט'ן קינד און וויגסט עס,
און די אונבאהאלפענקייט וואס רוהט אויף מיר אין שלאף,
געהט נאך דיין יעדער טראט ווען דו וואכסט,
און ווייגט אונטער די טריט דיינע יתומדיג,—
טא זיי שוין ווייטער, אומגעטריי צו געטריי...

דו טיילסט מיט מיר אזויפיל גרויסען אומגליק שטענדיג
און דו טראכסט נישט דערפון...

## איך בוק זיך.

איך בוק זיך פאַר מיין שטאַרבענדיגען טאָג,
איך ליג אין אַש זיינעם מיט א געבויגטען קערפּער,
און מיין נשמה איז אַ פליגעללאָזער שמעטערלינג אויף דר'ערד
פון ווינט און שטורמשטויב אַראָפּגעוואָרפען:
אינ'ם געזאַנג פון א דעמב ביינאַכט וועט אַפּשטאַרבען
דאָס נישט אַרויסגעשיינטע ליב פון מיין וואַלקענדיגען גלויבען.

עס גלוסט זיך מיר אויסרופען,
האַלב־זיכער און האַלב־אומזיכער דורך רייד:
גאָט פון מיין הימעלגעוואָרענער ערד,
מיין שטויב פאַלט אַפּ און דעקט קיין זאַך נישט צו,
מיין שטויב באַגילט א ווייל די אומשיין־ווינקעל פון אומעט,
און צוואָוועהט און צושנייט,—
אויף מיין געבויגטען קערפּער פאַלט די גרויסע שווערקייט דיינע
וואָס דו לאָזט אַפּפאַלען פון זיך ביים טאָגפאַרשיינען.
און לייכט ווערט דיר דורך מיר,
און גרינג איז דיר דורך מיר.—

גאָט פון מיין ערד,
דו קאָנסט דאך גאָרנישט אויסלעשען אין מיר
און גאָרנישט אָנצינדען פאַר מיר...
אַלץ וואָס ברענט אין מיר ברענט איבער דיר,
און אַלץ וואָס לעשט זיך אויס אין מיר — דערזעהסטו ניט:
ווייל דיין שווערקייט פאַלט צו האַרט אויף מיין אויסגעבויגטען קערפּער,
ווען איך ליג אין אַש פון א פאַרשטאַרבענדיגען טאָג.

א ליבּ־געגרויש צו דיין הילפלאָזיגקייט,
אויף די וויסטקייטען מיינע!

## פון איבער די פינסטערע פלויטען.

די בלינדע וואס טרינקען דעם סם־קאלטען ווייַן
וואס צינדט טויזענט־פייעריג, פארביג דעם שייַן
וואס איז שטיינעריג־ביינעריג אויף זייער הארץ,—
דידאזיגע בלינדע איז דאמעלט שוין קיינזאך ניט שווארץ...
וואס ביים שד איז ערשט גרוי איז ביי זיי שוין שטאק־רויט,
און וויקעלט ראש אפ פון זייערע גופים
א הויט נאך א הויט... א הויט נאך א הויט...
ביז'ן נאקעטען ווייס־ריינעם ביין.
די הענט זיינען ציין און די פיס זיינען ציין...
דער נאקען, דאס הארץ — אלץ געפלאכטען פון ציין...
דאס איז וואונדערליך שעהן, דאס איז ווילדבלוטיג שעהן.
א ביין וואס פארפלעכט זיך, ביז טויטקלעם פארפלעכט זיך,
פארבייגט און פארצווייגט און פארברעכט זיך
אן אנדערן ביין — ציין אויף ציין...
איבער ציין... איבער ציין, ציין צו ציין...

דער וואלף פון דער בלינדקייט
מיט ווייס־קאלטע ציין!
מיט'ן קאלטען פארגליווערטען צארן אין פינסטערן טראט
וועלכער לאזט איהם ניט געהן — ניט קריכען, נישט געהן.
מיט'ן טויטווייסען פראסטיגען ווייסטען געוויין
אויפ'ן צונג אויפ'ן בלויען — — —
די בלינדע... די בלינדע וואס טרינקען דעם סם־קאלטען וויין,—
זיי דארפען אין שטויב פון מחילה שוין מעהר זיך ניט רויען,
ס'שיינט א ליכט־דורך פון איבער די שווארצטויטע פלויטען...
א ליכט פון אריבער די פלויטען...

איך בין דאך איינער, אן אונטערשטער, א נאכגעהער,
פון אט די בלינדע!
און איך געה ביי דעם זייט אינ'ם פאספארן־ליכט
פון אריבער די פינסטערע פלויטען...

# איבערן העלען קעפעל.

איבערן העלען קעפעל פונ'ם קינד פלאטערט די גרויסע וועלט.
אינמיטען הימעלטאג איז די זון און שיינט רייך.
געבענשט איז דאס הויז דא אינ'ם דארף, חבר מיינער קראנקער,
אט מארגען אינדערפריה וועט אויפשיינען אין דיין לעבעריגען לונג,
א פרישע קינדהייטליכט מיט שפריצעלער גלויבען.
וועלען מיר בעטען ביי דער פארמפרוי דאס בלאנדע קינד,
וועט זי אונז מיטגעבען דאס קינד, וועלען מיר געהן
צום טייכעל הינטערן וואלד זיך באדען...
ווי א קליין שעפעלע וועלען מיר דאס קינד באדען.
אנטקעגען דיין ביינעריגען קערפער וועט עס זוניגען פון וואסער ארויס,
און אין דיין לונג וועלען די שפריצעלער גלויבען אויפבלעזלען.
רייכע קאלירען... סאפירען.. סמאראגדען... דימענט־אומעטיגע פונקען,
שפריצעלער שפריצעלער סמאראנדענבלוט...

## א נאַאיווו ליד.

נו, האסטו מיך נישט ליב.
נו, האסטו מיך נישט ליב,—
וואָס קען איך דען דיר טון?
כ'וועל קיינמאָל מעהר דיין שוועל נישט באַטרעטען.
דיך ליב האָבען און קיינמאָל דיך נישט זעהן.
דיך ליב האָבען ביי זיך אין הויז.
ווען כ'וועל זיין אַליין.
כ'וועל מיין קינד פאַרוויגען דיך ליבהאָבענדיג.
כ'וועל פאַר מיין פרוי די לידער מיינע ליינען דיך ליבהאָבענדיג.
און שלאָפען וועל איך מיט מיין פרוי דיך ליב־האָבענדיג.
און וועט מיין ליבע וויינען אין מיין הארץ.
וועל איך זי איינשטילען.
וועל איך זי איינוויגען.
וועל איך איהר איינרעדען אז דו וועסט קומען באַלד:
זאָל נאָר דער רעגען איבערגעהן.
זאָל נאָר דער שניי אויפהערען.
און דו וועסט קומען.
און דו וועסט עפּעס ברענגען...

## א פלויט.

איך בויע א פלויט ביי דעם ראנד פון מיין וועלט,
פון אייזען און שטאל און פון טפשות און חכמה...
כ'האב דאס גאלד שוין איינגאנצען פארוועגט,
און עס זעהט זיך נישט אן...
כ'האב דאס זילבער איינגאנצען פארטון,—
און עס זעהט זיך נישט אן...
און ס'געהען די זונען אזוי האסטיג מיר אוים—
א זון נאך א זון, א זון נאך א זון,
און עס זעהט זיך נישט אן...

דאס אייזען אהערגיב! דאס גאנצע אייזען!
עס קומען די פויגלען צום ראנד פון מיין וועלט
פארלאזען די פעלדער און וועלדער און לופטען,
און קומען צום ראנד פון מיין וועלט מיר ענג מאכען.—
דאס אייזען אהער!

## ווערים.

אט די ליידענשאפטען אלע און אימפולסען,
אט די לוסטינקייטען, וויסטקייטען און באנגקייטען,
דאס זיינען די שפינוועבסען וואס ציהען זיך,
און העפטען איין זיך איינער אינ'ם צווייטען,
אין די ווינקלען פון מיין לעבען,
וואו די טויטע שווארצע זיילען שטעהען,
און האלטען אויף מיין לעבען פאר דער וועלט...

און אויף די שפינוועבסען דידאזיגע
וועלען אויפקריכען די גליקליכסטע ווערים
וואס וועלען אויפעסען מיין שעהן־געפורמטען גוף.
וועלען אסך נעכט און טעג נעסטען אין די אויגענלעכער מיינע.
שעהנע נעסטען מיינע אויגענלעכער!
און אין מיין מויל וועלען זיי זיך רחבה'דיג צושפרייטען,
און שפילען ווערימפייעריג אויף מיין צונג.
איך וויים עס און איך פיהל עס איצט,
ביים עסען און ביים רעדען און ביים לאכען.
איבערהויפט ביים לאכען מיינעם,—
פינקלען אויף אין בליץ־געשפריץ א הויפען ווערים,
פייעריג, פייעריג —אז אנגעצונדענער צער!

איך בלענד און שיין אצינד אין מיינע ליידענשאפטען,
וועב איין אין די שפינוועבסען מעטאל אין גראניט,—
אויסדויער און אויסטרויער אין אויסטערלישע פונקציעס.
וועלען די ווערים זיין גלוטיג־קרעפטיג־בלוטיג,
און קאנען גריזשען מיינע ביינער לייכט,
און מיין גרוב גיכער ליידיג מאכען...

פלאטערעז איבער מיר אצינד די טעג
מיט די בלויע הימלען — בלויע פאהנעז.
פלאטערן איבער מיר אצינד די נעכט,
מיט די שווארצע הימלען — שווארצע פאהנעז.
און כ'ציה זיך מיט דער פראצעסיע פון דער וועלט
צו דער אומגעזעהענער פראצעסיע פון ווערים.
ס'איז א קבר אינ'ם ליכט פון עולם־הזה־אויגען,
ס'איז א בארג אינ'ם חושך פון עולם־הבא פייערבויגען,
וואס געהט אויף אויף די רעליגיעזע שטימונגען
פון דער מאדערנער אונבאהאלפענקייט.

ביים באגעגנען זיך מיט דער ווערים־פראצעסיע
וועט דער לעצטער בלויער הימעל
איינוועבען זיך אינ'ם שווארצען הימעל,—
בלוי־שווארץ — — — ווערים קריכען פון די שפינוועבסען,
עפענט זיך דאס מויל מיינס קבר'דיג...
עפענט זיך דאס מויל מיינס קברדיג...
עפ'נען מיינע אויגען זיך...

## אלע פענסטער.

אלע שפילען מיט'ן טויט זיך ארום מיינע פענסטער
איך פארשפּיל זיך ניט מיט איהם ביי פרעמדע פענסטער.
קינדער האבען ליב צו קוקען דאך דורך פענסטער,
טאר מען זיך נישט שפּילען מיט'ן טויט ביים פענסטער,—
דארפען זיי זיך אויך נישט שפּילען ביי מיין פענסטער...
אומגעריכט פארטראכט איך זיך אמאל אזוי א דורכ'ן פענסטער
כאטש איך וויים אז איך בין שוין קיין קינד נישט,
נאר פּלוצים שטעל איך זיך אזוי ביים פענסטער,
שטעה איך זיך אזוי ביים פענסטער.

פענסטער, פענסטער ווער נישט פינסטער
ביז די נאכט קומט!
פענסטער, פענסטער ווער נישט פינסטער
ביז דער טאג זעצט זיך!

אלע שפּילען מיט'ן לעבען זיך ארום מיין פענסטער,
איך רייס אוועק מיין לעבען פון די פרעמדע פענסטער,
פון די פרעמדע טירען און פון די פרעמדע פענסטער.
איך לאז מיין קינד נישט צוגעהן צו דעם פענסטער —
הויך, צו הויך איז פאר מיין קינד דאס פענסטער...
ביי דער שפּיגעלשאפע קוקט מיין קינד דורך פענסטער,
זעהט זי דארט דאס גאנצע צימער מיט'ן פענסטער...

פענסטער, פענסטער ווער שוין פינסטער,
פאר דער נאכט!
פענסטער, פענסטער ווער שוין פינסטער
דער טאג זעצט זיך שוין...

## טיר און פענסטער.

טיר און פענסטער זיינען אפען, אפען די גאנצע וועלט,
און דורך דער אפענקייט לויפען ארום מיינע יונגע שטארבענדיגע אויגען
דא צינדט זיך אן עפעס פון זיי, דא לעשט זיך אוים עפעס פון זיי...
מ'שלאפט... מ'וואכט... מ'וויל נישט שלאפען,
אין דער נאכט פון מיין וועלט זינקט אלץ איין
די טישען און די בענק, די שאפעס און קאמאדען
די אלע מעבעל, כלים, ביכער, אלץ איז אן דער ערד געקלאמערט
אלץ קריכט און שטעקט זיך איין אין ערד,
און איך טאנץ איבער די אלע קריכענדיגע.—
שטופ זיי טיפער אין דער ערד אריין,
דער טאג וואס קומט מיט זיין שטארקער שיין,
זאל זיי נישט קאנען אויסרייסען צוריק, —
נאר מיר געלינגט עס נישט...

דער טאג קומט... מע שלעפט איהם פון אלע זייטען מיט קייטען.
צובלוטיגטע און מידע קערפערס ליגען די נשמות,
צוריסענע פארבארגענישען און געהיימקייטען דורך קארגע שטראלען
הענגען אויף ברודיגע קישענס און פאלען באלד ארונטער.
נאר קינדער, מיט קליינע פיסלעך זיינען גאנץ און גרויס.
מיט פולע אויגען און אין בארוישונג עסען זיי אנבייסען,
מיט פולע אויגען קרישטאלענטרייסט ווייזען זיי זיך אויף דער ערד,
אהן פלעקען פון נארישקייט און נאכט־פייער.
אהן חתימה אונטער די ברעמען פון די אויגען פון הערבסטצווייגען,
וואס ווערען אנטשוויגענער פון פריהמארגען ביז פריהמארגען.

ארויסגעשפילט זיך מיט קאלטע באוועגונגען פון דער שטילקייט
ביז גאנץ און גרויס ווי פריהער, ביז פול און הארט ווי פריהר,
די גאסען זיינען רוישיג־שווער און ווערען רוישיג־שווערער נאך מיט מיר,
און טיפער, שווארצער זינגען זיי מיט מיר פונ'ם טאג אראפ.
נאר אט דער רויש וועט מיך נישט פארזינקען מיט אלעמען גלייך,
ווען זיי וועלען ליגען און צושמאלצען אייזען,
ווען זיי וועלען איינער אינ'ם צווייטען איינגיפטען דעם טויט,
וועל איך זיך דורכשפארען...

## ביי מיין בעט

מיט צוגעמאַכטע אויגען שטעהט דער טויט ביי מיין בעט.
די לעצטע שוואַרצע רינגען פון דער נאַכט הערען אויף זיך דרעהען;
און ווי אַ פעל אַ האַרט־פאַרדאַרטע פון אַ פערד אַ טויטען
וויקעלט זיך אַרום מיר דער דינער ליילעך.
מיין דינער ליילעך פון אַלע נאַכט,
וואָס וואַרימט און באַשיצט מיך.

אַלע נאַכט, פון זינט איך לעב די יאָרען מיינע באַוואָוסטזיניג
שטעהט דער טויט ביי מיין בעט
מיט צוגעמאַכטע אויגען.
איך זעה די צוגעמאַכטע אויגען זיינע,
און ווייס ביז איך פון מינדסטען פחד־ברען,
פון מינדסטען פונק אומזיכערקייט.

און איך ווייס מיט בלוטיגער זיכערקייט,
אַז ווען איך וועל ווידער אַנהויבען לעבען מיינע יאָרען אומבאַוואָוסטזיניג,
וועט ער אַנהויבען אין שפעטקייט פון יענע נעכט
די אויגען איינציגווייז צו עפענען;
וועט ער מיך צו זיינע אָפענע אויגען צוגעוועהנען,
ביז איך וועל די אויגען מיינע צומאַכען אָהן מורא,
טיף טיף אָהן מורא...

## א פארשפעטיגטער שכור.

די לאמפען פון דער שטאט ברענען מיט ברודיג בלוט.
ברענען אוים די זינד וואס לויערן אין דער נאכט
און געפינען נישט קיינעם,
קאנען אויף קיין קאפ נישט אראפלאזען זיך...

ווער זוכט דען עפעס אין דער נאכט?
קיינער וויל נישט געפינען ביי דיר אצינד קיין זאך.
אלע טירען זיינען צוגעשלאסען:
פענסטער קוקען צום טויט אוועק, און גלאנצען שרעקיג.

און דער פארשפעטיגטער שכור אין דער נאכט,
פיהרט די אלע בליצענדיגע לאמפען מיט זיך:
דארט עפענט זיך א פעלד א ברייטס,
הויכגראז ווינטיגט פריש — — —
וועט ער זיך אוועקלייגען,
און פארלירען די וועלט אויף לאנג, לאנג...
און די לאמפען וועלען זיין שלאף היטען,
און מאכען א פראצעסיע ארום איהם,
און לייכטער מאכען איהם די רוה
זיין שכור'ע רוה...

## איך צוריים.

איך צוריים ערשט היינט,
וואס כ'האב געדארפט צופליקען שוין פון לאנג;
איך האב ערשט איצטער פיינט
וואס כ'האב געדארפט שוין אויספליקען פון לאנג...
אויף די וואַכסטע דילען קנאקען מיינע ביינער,
קעגען בלויסטען הימעל קריצען מיינע ציינער,
אינ'ם שטילסטען אווענט שרייען מיינע אויגען:—
האסט געווארפען אין מיין תהום שוין צופיל שטיינער,
האסט דעם וועג צום אנהויב צופיל אויסגעצויגען,
האסט דעם שיין פון סוף מיט צופיל פרייד געצונדען,
דאך פון אלע קייטען בין איך אפגעבונדען
און צובראכען זיינען ארום מיר שוין אלע רייפען,
ס'איז אלץ צו פריי פאר מיר—
און כ'טו זיך נישט פון ארט קיין ריר...
און כ'וויים ניט וואו צו געהן,
און כ'ווים נישט וואו צו לויפען,
כ'קאן ניט שטעהן...
איך צוריים שוין אלץ, איך צופליק שוין אלץ
וועט דער קאלטער באדען קעלטער אונטער מיר פארבלייבען:
וועל איך זיך אליין מיט בייטשען יאגען, טרייבען,
זיך פארטרייבען, זיך פאריאגען
און זיך אויספליקען פון אלץ
וואס כ'האב שוין ליב און פיינט,
און גרוים און היים און אונענדליך
וועט זיין דער מדבר אין מיינע אויגען,
און יעדער מינדסטער שאטען פון מיין נעכטען און מיין היינט
וועט זיך אין זיי נישט אנזעהן,
דער שטורם פון מארגען מיינעם בלויז,
וועט דורכיאגען דורך זיי...

## מוטער-סענטימענט.

די אלע בלינדע ליידען דיינע ציהען זיך אזוי געדורשט צו מיינע אויגען,
און קאלטע רינגען דרעהען זיך ארום מיין ווילדען ווילען.—
אוי, מאמע, מאמע וועז האסטו זיך אזוי איינגעבויגען?
און וואס פארדעכטיגסטו אזוי די טריט מיינע,—
אנדערש קאן איך זיך נישט שפילען?

געדענקסט דאך שוין אליין ניט באלד מיין ערשטען טראט אין גלויבען,
מיין ערשען טראט, מיין ערשטע ליכט מיין ערשט געשטרויכל,—
מיין ערשטען רוף און — דו האסט קוים מיך אויפגעהויבען,
און מיך אוועקגעפירט אין ליידיגן אלקער:—
כ'בין דיר מוחל אלעס, כ'בין דיר מוחל...

קומט א דערמאנונג אז און עפענט אויף דעם צער אין מיינע אויגען—
א שווארצער ים אין הארץ — א הארץ אין שווארצען ים...
מאמע, ווער האט עס דיך אזוי איינגעבוינען?
פאר וועמען טראגסטו עס אין דיינע רייד,—
און אין דיין האפענונג,
און אין דיין טרייסט,—
אזויפיל סם?... — — — — — — — — — — —

## איבער'ן טויט.

איבער'ן טויט מיינעם פלעכט איך איצט גרינע קראַנצען,
איבער'ן טויט מיינעם וועל איך נאָך טאַנצען און טאַנצען און טאַנצען.—
פריהלינג אַראָפּ און אַרויף, און דער זומער, דער ווינטער, דער אָסיען...
איבער'ן טויט מיינעם האָב איך אַ גאָלדענעם טרויער צוגאָסען
ברענגט מיר די בלעטער די רויטע וואָס פאַלען אַרונטער אַצינד
פאַר די זינד פון דער פרייד וואָס איז ליכטיג פאַר מיר און איז בלינד
פאַר'ן ווינט, פאַר'ן זייגעזונט־שווייג־געזונט ווינט...
איבער'ן טויט מיינעם לייג איך אַוועק מיינע גאַרבען
פון ווינט און פון זינד און פון זינדיגע ווינטיגע פאַרבען
וואָס האָבען געשוועבט ביז אַצינד — זומער, ווינטער און אָסיען...
געעפענט פאַר מיר אַלע וועלטען, געעפענט־פאַרשלאָסען
גערופען, געצויגען, געטריבען צוריק צו די ברעגען...
איבער'ן טויט מיינעם בין איך ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט אַ מיידעל געלעגען
און האָב איהר געגעבען, געגעבען און ווידער געגעבען,
דאָס וואָס מען רופט נישט קיין ריכטיגען נאָמען פון לעבען.
דאָס וואָס געדויערט אַ רגע, אַ רגע־מינוט,
נאָר ס'איז גאָלד און ס'איז גאָט און ס'איז זון
און ס'איז חלום און בלוט.
און איך האָב דערפון
אַזאַ סאַך, אַזוי פיל
פאַר'ן שפּיל
איבער מיין טויט... מיין טויט, מיין איבערטויט...

## שטיינער.

פון צווישען אַלטע שטיינער שפּראָצען יונגע גראָזען.
פון צווישען האַרטע שטיינער בליהט אַרויס די רוה־מיסטעריע.
פון צווישען קאַלטע שטיינער וואָס האַלטען אויף פּלאַנצען, שטעט,
אין געטערטעמפּלען, ווייגט דאָס ברייט צושפּרייטע טייערע לעבען,
דאָס ליבע לעבען פון דעם שטיינעריגען אַפּשטאַם.—
זוך איך צווישען אַלטע שטיינעריגע טעג און יאָרען,
די יונגע גראָזען און די רוה־מיסטעריע,
און דאָס טייערע לעבען...

מיינע אויסריידען, תירוצים, ווערטער־ווערקצייג אויף די שטיינער,
וועלכע ליגען און פאַרדעקען און פאַרמעקען מיינע טריט.
כ'האַק און קלאַפּ — עס שפּרינגט אַ פונק אַרויס,
און שפּרינגט צוריק אַריין...
און אַט האָט גאָר אַ גרעזעל זיך אַרויסגעשפּאַרט!
און אַט וועהט די אומגעזעהע'נע אומפאַרמיידליכע רוהיגקייט,—
נעמט אַלץ פון האַנט אַרויס, פון האַרץ אַרויס,
און דעקט די האַנט צו, דעקט דאָס האַרץ צו—
צווישען שטיינער רוהט די האַנט און דאָס האַרץ,
און יונגע גראָזען שפּראָצען...
און דאָס טייערע לעבען שפּראָצט און גראָזט...

נאר מען ווייסט דאך אז עס קומען ווינטען אן,
און דאס שפראצען און דאס בליהען טרערט און וויינט.
און איבער די ליידיגע שטיקער וועלט, ליידיגע פעלדער,
אטעמט קראנק דאס גרויסע הארץ פון דער צייט,
די גרויסע מידע האנט פון דעם טייערען לעבען,
רייסט זיך שוואך צו די גרויע כמארעס אין דער הויך
און וויל זיי ארונטערוווארפען...
נאר ערגעץ ציהען זיי די וואלקענס,
ערגעץ דארפען זיי קומען זיך ארונטערלאזען...
ציהט זיך שוואך צוריק אין שטיינעריגער רוהיגקייט
די מידע האנט פונ'ם טייערען לעבען...
און דאס קראנקע הארץ פון דער וועלט
פארגיט... קלאפט רוהיג ביז דער ערד נידעריג...

## אונטער אַלץ.

אונטער אַלץ בלייבט איבער עפּעס... אונטער אַלץ!
און אַז עס שווינדט אַטאָם אין אַטאָם אַריין צוריק,
און אַז עס דרעהט זיך אַלץ אַהין א ן אַהער,
איז דאָ אַזוינס וואָס בלייבט אונטערן געדרעה,
אונטערן א ה י ן און אונטערן אַ ה ע ר...

מען דאַרף נאָך ניט אויסזוכען אין זיך דאָס תירוץ־וואָרט
און נאָכדעם עס אַרומשלעפּען און סטיליזירען,
וועט מען מאַכען מיט דעמדאָזיגען וואָרט,
די פלאַכע קעפּ צו גלויבען אין דעם עפּעס,
וואָס בלייבט איבער אונטער אַלץ...?

למשל:
נעכטען, צו פּאָר פופצען יאָרען, איז מיין טאַטע געשטאָרבען,
איז אחוץ מיר, די שוועסטער מיינע, מוטער מיינע,
קרובים, זאַכען, — נאָך עפּעס געבליבען,
אַזוינס וואָס איז נאָך ווייט פון אונז,
און וועט אייביג בלייבען,
און אייביג זיין אין דער ווייט פון אונז...

און פון אַט דעם איבערבלייבעכץ ציהט צו מיר מיין פייער,
ציהט צו מיר מיין קעלט, מיין וואַסער און מיין גייסט...
מיין פייער איז אויך אַזוי אומבאַשטימט,
מיין וואַסער און מיין קעלט.
און דאָס גאַנצע בלוט מיינס איז באַהויכט
מיט אַט דעם עפּעס־שיין, עפּעס־ליכטיגקייט...

## האָריזאָנטען.

רױ־רױט איז מײן טראַט אױף דער ערד מײנער שױן ניט!
אינם שײן פון לאַנגװײל רױעט זיך מײן פרײקײט
װאָס איך זוך אַרום אין זיך,
און אין מײלען װײט פון זיך,
מײלען הױך איבער זיך...

אפילו פון די אַלטע סידורים מיט דער אַלטער אינגעלשקײט,
און די סידורים באותיות גדולות מאוד,
איז פאַר מיר פאַראַן אַ האָריזאָנט אַ פרײער
פאַרביגענדיג זיך אין סענטימענטען־פײערען...
נישט פון קינדהײט ־ לעבען, ניט פון זאַמד בײ װײכע טײכען,
נאָר אַ סענטימענטען־שפּיל פון שטענדיג אָן
װאָס װאַקסט אינאײנעם מיט די האָר אױף מײן קאָפּ.
און װאַרט אױפ׳ן זילבערטײך װאָס װעט אַ פּלײץ געבען
איבערן קאָפּ מײנעם, איבער זײן אײזענשװאַרצקײט,
און עפּעס װעט זיך אָנהױבען שױן ענדיגען;
יעדען טאָג װעט עפּעס ענדיגען זיך אַזױ בולט
פאַר׳ן פרײען הימעלשפּיגעל איבער מײן ערד...

א רגע אין דער ווייטבלענד פון דער וועלט
ענדיגט זיך. און אינ׳ם שיין פון אָט דער רגע זעהען זיך ניט אַז
די יאָרען מיינע מיט די זומערן און ווינטערן,
וואס כ׳האָב פון קינדווייז אפגעלעבט ביז איצט.
טונקעלער ווער איך... טונקעלער;
זעהט דאס זאמד פון מיין אָפּלעבען ניט ארויס זיך
פון מיר, מיינע רייד און מיינע שווערקייטען.
וואס שוועבען איבער מיינע רייד... אונטער מיינע רייד...

וועט אָנהויבען זיך ענדיגען עפּעס באלד אין מיר,
און אַלץ וועט פייעריג־צובלענדט־צובליהט ארויסשאָטענען...
אוועקשאָט׳נען ערגעץ אויפצושיינען...
אויפעפענען א וועג צום בית עולם טירעל...

פון אונטער שווארצער איינגעפאלענער פרייד
גלייכגילטיגט א ווייסער אַש ארויס שוין.—
איך וועל העלער נישט קאָנען ווערען...
אינ׳ם אש דערזעה איך די אויפשטראלונג
פון מיינע אויגען אויף א קרומען שמאָלען פּאס א בלויען,
וואס קוקט פון א לבנה־הימעל דורך א פענסטער,
זיצט, ביי א חלב׳ן ליכט וואס צאַנקט, מיין עלטערער ברודער,
מיט די לאַנגע פּאות. מיט דער ברייטער נאָז און אלטע אויגען,
און לערנט משניות נאָכ׳ן טאטען...

## איך בין ווינט פאַר שטויב.

אויף דער פרייער הויך מיינער איז שוין די אויסלייכטונג געקומען,
נאָר איך קאָן מיין קאָפּ נישט האלטען אינדערהויך נאָך פריי...
מיין מיניאַטורנע געטליכקייט אין וואלקענס פינסטערע ווערט טויט־צושוואומען
מיינע אברים זיינען אָנגעגאָסען מיט טויטען בלויען בליי
מיין ערד איז נאָך נישט נאָהנט צו מיין הויך...
מיין ערד איז נאָך ניט פריי
און שוימט ארום אין פילקאָלירענדיגען רויך...
נאָר איך געטרוי מיין קוואלענדיגען וויסט־באהאלט'נעם כח
און געה זיך מיר מיט צווייפלען ליכטיג־שמייכלענדע
מיין אייגנעם אומגלויבען אָהן רעש פארביי...

וואס ווערט דערפון! וואס קאָן דערפון דער שפּעטער זיין.—
איז אויבען ליכטיג—מוז דאָך אונטען אויך זיין ליכט און שיין.
שווייג איך, ווארים נאָך אין קעלטען אָן דערווייל מיין ציטעריגע שעה.
די אויסלייכטונג איז שוין פונאויבען איז מיין הויך דאָך דאָ...

---

איך בין דאָ דער שרעק פאַר מיין אייגענער שטיינערנער ערד,
און קיינער וועט קאָנען א פוס אויף איהר שטעלען.
איך גיב נישט קיין זון מיינע הימלען פאַר טעג צו באהעלען
אין פינסטערניש, שטערנלאָז לאָז איך זיך צאַפּלען
און אומוואגלען בלינד־וויסט און טויב מיינע נעכט.

איך בין נישט קיין גאָט אויף קיין איינציגען שטויב פון מיין ערד,
איך בין נישט קיין שד אויף קיין איינציגען ווינט פון מיין ערד,
איך בין מעהר, איך בין מעהר. און בין מעהר—
כ'בין דער שרעק פאַר מיין אייגענער ערד!
דער ווינט פאַר מיין אייגענעם שטויב!

## איך ווייז אַן.

איך ווייז אַן אויף גרויסע ליידען וואס איך זעה קוים אַן,
און וויל אז מען זאל זיי דערזעהן איינגאנצען־גאנצען.
זיך אויפהויבען אין זייער שימערענדער רויטקייט,
וואס באשאפט א נייעם תהום א טיפען,
א נייעם אַפּגרונט פון געדאנק...

אַן אַלטער מענש מיט א שווערען טרויעריגען קאָפּ,
קוקט מיט פארוואונדערונג אויף מיר.
ער ווייסט נישט וואס איך ווייז אין דער ווייט,
ער ווייסט נישט וואס די אויגען מיינע גליהען אויף,
און די אדערען פון מיין פּנים ציהען אזוי;
בייגט זיך איין זיין שווערער קאָפּ צוריק,
פיהלט ער ווי איך זיץ אויף זיין רוקען, מיט'ן פּנים צו דער וועלט,
און לאָז איהם דעם קאָפּ נישט אויפהויבען, צו דער וועלט,—
דאס הארץ מיט אָטעם אָפּפרישען...

קוק איך מיט אלע גלייך האלב־בלינד אויף די
וואס האָבען דעם יסוד פון זייער חלום פארלאָרען.
מאכען מיך ליידען וואונדערליך,
זעה איך ווידער דעם אלטען מענשען:
ער זיצט נעבען מיר און שיינט מיט בכבודיגער פרייד,
אין זיין גרויער לויטערער ליכטיגער באָרד.
בולט ווייזען זיך פונוויטען אלע מיינע ליידען
אויף א נייעם יסוד, אויף א נייעם חלום...

איך ווייז אַן אויפ'ן נייעם עלענט,—
און אלע זעהען, זעהען אלץ דורך מיר...

## צו מ. נ.

אז דאס פייער הויבט זיך אין לעצטען אש צו לעשען
ווער איך אזוי ריין און אויסגעטון פון זינד און שולד;
איך האב כוחות פיל געהאט דיך בייצוקומען,
נאר איידער כ'האב דאס טון געזאלט,
האב איך באדארפט זיך אליין גובר זיין,
און צו דעם האב איך קיין כוחות נישט געהאט...

דער חן פון קראנקע קינדער שפילט אויף דיינע פולע ליפען.
און אט דעם חן האב איך געדארפט אינגאנצען אויסקושען,
אז ליידיג זאלען בלייבען דיינע ליפען,—
האב איך קיין כוחות נישט געהאט צו טון דאס.
נאר פון מיינע אויגען האט געפינסטערט אינדערשטיל,
אזא מין קאלטער צער, פארפרארענער אומעט־קרישטאל,
און די זון האט אין איהם אריינגעברעקעלט
פונקען פייער... פונקען... פייער פונקען...
צי האב איך דאן געקאנט א טרער לאזען.
א נישט זאטער וועל איך מיט די ציין קריצען שלאפענדיג אליין...
נישט שעלטען קיינעם... נישט איננעם זיין אויף דיר.
נאר קיינמאל זיך נישט פארשטעלען דיין טויט.—
ווייל שעהן, ווייל כשוף־ווילד מוז זיין דיין טויט.
איך וועל דיין לעבען זעהן נאר אויף א גרויער פלאך
וועז־ניט־וועז זיך טוקען אונטער שאטענבוימער...

# פריי.

אראפּגעריסען אַלע פרעמדע ליבען פון מיין קאָפּ האָב איך,
איצט שטעה איך אָהן א קרוין פאר אַלע אמת׳ע שפּיגלען מיינע,
איך האָב אויף הארטען שלאָף ניט פארלארען דעם כשופגלאָז וואס לייכט צו
און מען קאָן דערזעהן ווי דורות טרינקען זיך אין מיינע יאָרען...
און צעהלען מיין יעדע רגע פון דערהאלטונג אויפ׳ן וואסערשפּיגעל...
יעדע רגע—הימלען. ערדען מיט שיינענדיגע צוקונפטען אין וואסערשפּיגעל,
נאָר אַלץ ווערט דערטרונקען אין פלאכען טייך פון יארען...
איך רעד מיט ווערטער וואס קומען בּלינדערהייט צו מיין אינסטינקט,
און טונקען איין זיך אין מיין בּלוט און ווערען וואונדען-וואונדער...
וואונדען בּלינדע, קאַלטע, פארוואקסענע מיט ברוינע קאָלטענעס ארום;
לידער, ווערטער, פעדערן און א געמישעכץ פון קויט און בּרוד און גאָלד.
איך בּין אַן עפּעס וואס איז איבּערגעווארען...
און טרעטענדיג די ריינקייט פון מיין ליכט מיט שמוציגע פיס,
זעצט זיך אָפּ א שוואַרצקייט אויף דעם גרונט פון מיין נשמה,
אין א האַלב-בּלינדער קאָן מיך דורכקוקען.—
איבּערגעלייטערט בּין איך, און אין אַלע וואונדען וואס ליגען נאָר אין מיר,
און זיינען נאָך נישט אויף דער אויבּערפלאַך ארויסגעזועצט,
ליגען ווייסע קיילעכדיגע שטיינער.
מען קאָן זיי זעהן — איך בּין אַן איבּערגעלייטערטער.
אַן אויפגעבּונדענער, אַן אָפּגעלאָזטער אין דער וויסט און פריי אריין...

# די וואונדער אַלע...

די וואונדער אַלע ווערען שפּילערייען פאַר'ן פלאַם פון מיינע אויגען.—
כ'האָב פאַרבּרענט ירושה־אוצרות וועלכע קיינער האָט נאָך ניט געזען...
ס'ווייסען ניט די שוועסטער מיינע, מיינע בּרידער וואָס עס איז געשעהן
מיט מיר... עס וויים מיין מוטער ניט דעם סוד
וואָס כ'האָב פון איהרע בּרוסטען אויסגעזויגען...

און וואָס פאַר־א מין ליגען ס'זאָל פון מיינע ליפּען ערגעץ פאַלען—
ער ווערט פאַרוואַנדעלט אין א ליכטיגקייט וואָס דעקט אַנ'אמת אָפּ
פון שימלען און פון שטויבען און ער שאַרט פון איהם אַראָפּ
די מינדסטע צווייפעל־טונקעלקייט, און פיל קאַליריג
שפּרייטען זיך פון איהם גינגאַלדענדיגע שטראַלען...

אין מיינע בּלוטען מינ'עט טונקל זיך רויט־לעשענדיגע גאַלד־טינקטור,
א כשוף־סם, א טוישענדיגע צויבער בּלענדעניש, א שפּור
פון יענעם אומגליקליכען שמייכעל פונ'ם רעווענאַנט,
וואָס היט מיין בּעט, מיין טיש און שטול, מיין וואַנט
וואָס טיילט מיך אָפּ פון אַלעמען כאָטש כ'בּין אין אַלץ פאַראַן...
עס ווייסען מיינע שוועסטער־בּרידער ניט דעם וואונדערליכען שפּאַן
וואָס כ'האָב פאַר זיי געטון ארוים פון שטוב.
צום גרוב... צום גרוב...

## אווענט.

נעהט ארוים דאָס קליינע ווייבעל פונ'ם הויז פון איהרן,
זעצט זיך אויפ'ן שוועל אוועק. פארנאכט איז דאך...
איז איהר מאַן היינט ניט געקומען פון דער ארבייט,
איז ער ערגעץ אין שענק מסתם.—
זיצט זי און זי וואַרט אויף איהם...

מיאוס, אך, שרעקליך מיאוס איז דאָס קליינע ווייבעל.
קליינע בריסטלעך, אויפגעהויבענע פונ'ם קאָרסעט ביז'ן האלז,
און פון איהר רויטליך נעזעל בלאָזט נאַכטיגקייט,
און פון איהר קיילעכיגען בויך הינטער'ן קלייד,
רינט א שוויים א ברודיגער דורך די קנייטשען־רייפען—
וואַרט זי איצטער אויפ'ן מאַן...

דערווייל ווערט טאקע פינסטערע נאַכט.
פינקלען לאָמפען הויך און נידער,
רונד און קיילעכדיג און רוישיג,
בלויע פאַסען, שווארצע שלאַנגען,
שאָטענס פון דער גאַנצער ערד
הויבען אויף זיך אינדערהויך,—
די שאָטענס פון הינטער די פיס איבער די קעפּ...

זיצט דאָס מיאוסע ווייבעל און זי וואַרט.
די קינדער שלאָפען שוין אין הויז,
איהרע גוטע קינדער...

ווערט שפּעט די נאַכט — — — —

## בין איך געבאָרען ליידען.

מיט קליינע אברים און מיט שאַרפע סמ׳יגע חושים
בין איך געבאָרען ליידען מיינע ליידען אויף דער ערד,
בין איך געקומען דורכצוגעהן דורך אַלע קרומע שפּיגלען,
און דורך אַלע גרויע שטובענפענסטער, שטובענטירען,
און דורך אַלע שלאָפענדיגע פוילע געדולדען,
מיט מיינע קלינע אברים...

מיינע גוטע מידות מאַכען וואַקלענדיג די זינד מיינע.
מיין הארץ איז גרוים און פּוסטעוועט און וויסטעוועט,
און קאָן די אייגענע פינסטערניש קוים דערפילען...
דער אָפּקלאַנג פון וויטגעוואָרפענע שטיינער אין דער אייביגקייט אריין,
קלינגט אָפּ אין דעם פינסטער וויסט.
מיינע גוטע מידות...

עס וואַקסט אַלץ ארוים פון מיר אין אייל,
און וואַקסט אריבער מיר מיליאָנען און מיליאָנען מייל.
אונטער ריזיגע שאָטענס לייד איך מיינע ליידען.
די אָדערן פון מיינע דאַרע הענט שרייען:
פאַרטרייבט די נאַסע נעפּלען פון דער זון!
זי וויל מיך זעהן... זי וויל זעהן מיינע ליידען...

פון דער אומרײנקײט װאָס פינסטערט איבער גאָר דער ערד,
שלײך איך זיך ארױס פאַרשטױבט און אַלט.
עס װײנט און לאַכט ארױס פון מײנע שאַרפע סמ׳יגע חושים
דער אונטערגאַנג פון גאַנצע דורות—
אומזיסט־פאַרזינדיגטע, אומגעשט פאַראורטײלטע...
און די נאַסע געפּלען ארום דער זון מײנער װערען פעטער,
געדיכטער, עקעלדיגער.

א װאַלד־װילד לעבען איז מײן לעבען.
אינמיטען גרױסע שטעט א װאַלד־װילד לעבען.
אינמיטען גרױסער צײט א װאַלד־װילד לעבען.
אינמיטען גרױסען װעג — — — — —
א װאַלד־װילד לעבען...

## שטאָט.

שטאָט. כ'בין שטאַרק ארומגענומען פון דיינע שווארצע בלינדע רויזען.
זיי האָבען זיך ארום מיר אויסגעבליהט און אויסגערייפט.
איך זיץ ביים פענסטער פון דער שטוב וואָס ד'האָסט מיר געגעבען,
און הער זיך איין ווי די גרויסע הארעפּאַשניקעס־רייזען,
קאַטשען איבער דיינע שליאַכען די ריזיגע אייזערנע רעדער...
וואוהין קאַטשען זיי די גרויסע אייזערנע רעדער?

שטאָט. דיינע שווארצע בלינדע רויזען צופינקלען זיך מיט מכות,
ווען די נאַכט קומט אָן און דו צינדסט אָן די גרויסע שטעקענס,
איבער אַלע גאַסען, איבער אַלע הויפען דיינע,
אינ'ם עלעקטרישען ליכט רימסטו, רייצסטו זיך מיט דיין גרויסען גוף
וואָס איז צוצויגען און צעשוואומען און צושפּרייט.
דיינע בריסט די גרויסע, ארויסגעשטעקט פון שווארצען קלייד,
האָסטו איינגעטונקט אין ים וואָס היט דיך תמיד,
און דו קיהלסט זיי דאָרטען... און דו פרישסט זיי דאָרטען — — —
דיינע שווארצע רויזען בלוטיגען אויף מיר!
יעדען מאָרגען שטעהסטו אויף מיט קיהלע ריינע בריסט
אויסגעוואשענע און אויסגעפרישטע פונ'ם ים.
שטאָט, דיינע שווארצע בלינדע רויזען בלוטיגען שווארץ אויף מיין קאָפּ,
און כ'קאָן פון זיי זיך ניט אָפּקילען אינגאַנצען...
ברען איך איצטער אזוי שווארץ און בלינד מיט זיי... אינמיטען זיי...

## נאָכמיטאָג מידקייט.

נאָכמיטאָג־מידקייט. פולע אויגען מיט נאָכמיטאָג־מידקייט.
פולע הענט מיט שווערקייט, פולע ביינער טויטקייט:—
ס'איז אוועקגעפלאָסען ווייט דער טייך מיט ליכטיג ווייגבלוט.
פליסט נאָך ערגעץ כוואַליג־לייכט און שטעלט זיך ניט.
פליסט אריבער שטילע לענדער־חורבות, קליינע שטעטלעך,
און פאַרגעסט זיך, און פאַרבלאָנדזשעט אין די עלטער־קוסטעס
פון א טויטער אָבער שטאָלצער גענעראַציע.
מ'האָט אָרימבּרויט געגעסען אָבער רייכען שלאָף געשלאָפען.
און צו דעם האַרצען האָט דער הימעל צוגעטוליעט זיך,
מיט זיין זון און ס'האָט דאָס האַרץ ניט אָפּגעבריהט זיך..
מיידלעך האָבען דורך די אָפענע פענסטער געקוקט,
און געזעהן און קיינמאָל ניט דערטרויערט דאָס געזעהענע,
פאַרלאָרען זיך אין צושוואומענער רחבות פון בענקעניש,
האָט דער זונענאונטערגאַנג אַלץ פאַרוועהט...

מיד. מיד בין איך און זעה דורך שווערען שיין—
אַן ערד ברעג טוקען זיך און בויגען זיך אין גרינעם ים א
און עס כאַפּען אויף זיך ווי פון ווינט דערשראָקען פון דער ערד
היהנער ווייסע, ווייסע הינער מידע, פרעמדליכע,
און פון הינטער זייערע פליגעל פאַלען ארויס פאַמעליך
קליינע הינדעלעך, געלע, ווייסע און ראָבע.
און דער ברעג בויגט זיך אינ'ם גרינעם ים אריין,—
נאָכמיטאָג־מידקייט אויף דער גאַנצער וועלט,—
וויגט זיך מיד און מיד די ערד.

## ווי חזיר׳ש.

ווי חזיר׳ש ס׳שמעקען פעטע מענשען
אין א הייסער זומערנאכט אין די שטאָטגאַסען!
די פרויען מיט די צעוואַקסענע אַרבוזען־בריסט,
און די מעוברת׳ע פרויען די שטאָלצבייכיגע,
מיט די מענער־עדות ביי דער זייט—
ווי חזיר׳ש שמעקען זיי!

אין א הייסער נאַכט אין שטאָט שוויסיגט די זינד
און פון אַלע איהרע קנייטשען ברודיגט
די אויסגעוועבטע, אויסגע׳הנאה׳טע ליבע.
עס זיינען דאָ אזויפיל אויסגעלייטערטע טייכען הינטער׳ן שטאָט
און די לבנה ווייזט און עפענט אַלע וועגען צו זיי,—
וואָס געהט זי ניט אַהין די זינד זיך באָדען איצט?!

אַך און אוי איז צו דער זינד!
אז אין לבנה־ליכטיגקייט פאַרלירט זי די ראיה,
און ווי זי געהט ארוים פון שטאָט ביינאכט,
שטויסט די לופט זי צוריק,
און בלינד איז זי הינטער׳ן שטאָט,
בלינד איז זי...

# וועלט.

קראנקע שטערען אויף דער וועלט
צאנקען געלען צער און צארטקייט אויף דער וועלט.
אינ'ם געלען צער פארבלוטיגען די אויגען פון דער וועלט,
פאלט א טויטליך ליכט און שפרייט זיך אויף דער וועלט;
רייניגען זיך ביסלעכווייז די אויגען פון דער וועלט,
דערזעהט עפעס די וועלט...
דערלעבט עפעס די וועלט...

איך בין איינזאם אויף דער וועלט,
פאלט אויף מיר נאך שווערער דאך דער געלער צער פון קראנקע שטערען
וואס צאנקען אויס און געהען אויס איבער דער וועלט...
איך ווער איינזאמער פון אט דעם שיין,
און הער אויף זעהען די שפראצונג וואס פארדעקט די ערד,
זעה איך בלויז דאס אונטערלעבענדיגע...
זעה איך בלויז דאס אונטערגעהענדיגע...
דאס אונטערשטענדיגע...
דאס אונטעראייביגע...

געה איך אונטער אונטער אליין.
קראנקע שטערען צאנקען ווייט פון מיר,
דערצאנקט צו מיר ניט זייער אויסלעשונג...

## בלינד געוועז...

בלינד געוועז...
און ניט פארזעהן,
און ניט פארלארען פונ'ם בליק
די פעדים וועלכע ציהען זיך פון קינדערוויג
צום קבר מיינעם, און די גרויסע שווארצע שטריק,
וואס בינדען מיך צו אלע גאלד־אילוזיעס פון טויט,
כאטש אלץ פארגרויט,
פארשווינדט,
ווערט בלינד...

בלינד אזוי,
ווערט פריער גרוי...
און נאכדעם טונקעלבלוי,
און נאכדעם ליכטיג, ליכטיג, ליכטיג־ווייס — — —
א שארף! א שרעקעדיגער דורכגעלאף פון מייז...
און ס'איז שוין זוז פאראן אויף אלע ווינקעלעך און ווענט...
עס ברענט... עס שיינט און ברענט!
פלאמען גרויס און קליין,
צונגען... ציין!
שעהן!

שטאק־בלינד.
עס בילען הינט
און ווייטער פינסטערניש און ווינט.
און מידע גופים ציען אוים זיך אויף דער ערד,
אויף פעלדער־פלאכען אונענדליך... און עפעס ווערט
פון לופטען ביטערע דערשטיקט, פארלאשען און פארצערט...

## ווי ריין...

ווי ריין איך ווער... דיין אָטעם נעמט אַראָפּ פון מיר די פּלעקן.
דיין אָטעם איז דאָך ריינער ווינט וואָס איז ביז איצט
אין גרינער ליכט פאַרשאָטענט אויסבאַהאַלטן געווען...
אַ גאַנצער דור האָט זיך פאַרשפּילט מיט ווערטער,
און נאָכדעם האָט אַ דור געוויינט דאַרויף;—
אַ גאַנצער דור האָט זיך פאַרשפּילט מיט פאַרבן
און נאָכדעם האָט אַ דור געוויינט אויף דעם שפּיל;
און איצט האָב איך געבראַכט ביינער שרעקיגע קאַלטע.
מיט פּלעקן פון דעם ווערטערשפּיל, פאַרבנשפּיל,
און — זיי ווערן ריין ווי איך פון דיין אָטעם איצט.
דיין אָטעם איז דאָך לופט פון לויטערע ווינטן...

ווער ביזטו דען און וואָס ביזטו דען?—
דו ביזט דאָס אָפּגעריסענע־אויסגעריסענע פון מיר,
דו ביזט דאָס אָפּגעשניטענע־אויסגעשניטענע פון מיר.
איך האָב צוטאַפּטשעט אונטער די פיס מיינע
דעם וועג וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט מיט טרייסטן.
אַז איך וועל דאַרפן אָפּמעקן און אויסמעקן,
און בלויז איין פּינטעל מאַכן, אַ קליין פּינטעל...
און ס'וועט פאַרזיגעלט זיין אַ באַשאַפענע וועלט
אַן אייביק־אָפענע... אַ צעוואָרפענע אין שטרעקעס...

כ'האָב ביינער פון פיס און הענט און שאַרבענס.
מיט ערשטן וואַסער אָפּגעוואַשן זיי—
זיי לייכטן, זיי זוניקן... זיי טאָגן אויף.
עס שלאָגט קיין באַנגער פּלעק נאָך פליייש פון זיי ניט,
און קינדער קאָנען זיך מיט זיי פאַרשפּילן
און אַלטע קאָנען זיי צוקאָפּענס לייגן,
אין זייער טרוימפאַרבלאַסטן שלאָף...

## ביי פוילע פלויטען.

ביי פוילע פלויטען האלטען זיי זיך אן מיט אומזיכערע הענט.
א פולער וועג מיט זוניג ליכט, א פולער וועג מיט טאג,
נאר אויבען ציטערט די הימעלבלויקייט אומענדליך — — — —
זיי ווייסען אז דער לעצטער טויטער שטויב
פאלט אויף זיי פון קלאהרען הימעל אראפ שוין אפילו.
און די הענט ציטערן, די אדערן שטארען...
ווער וועט דעם שטויב דען פרואווען אראפווישען?...
דערגאנגען צו דעם ענד פון וועג פאמעליך־האסטיג.
די הויט איז נאך געטריי די וויטאגדיגע ביינער,
און פארדעקט, פארהיט פון לייכטען פלוצלינגען באריר,
פון א פארבייגעפלויגענעם אומגליק...
און די אויגען קוקען פרעגיג אויף די הענט,
און די הענט ציטערן. הילפלאזע אדערן שטרעקען זיך...
האבען נישט וואס צו אויסזאגען, וואס צו ענטפערן...

אין ווייסע קליידער מיט'ן פרילינג אויף די ליפען אויפגעהויכט,
קומען קינדער־אייניקלעך און ברענגען מתנות.
קוקען ווידער אלטע צאנקענדיגע אויגען פרעגיג,
און די אדערן פון די הענט שטרעקען זיך הילפלאזער.
נאר די קינדער־אייניקלעך מיט זייער ריינעם קערפער־ריח
זיצען נאענט צו זיי... ערנסט נאענט צו זיי;
לאזען זיי די הענט פון די פוילע פלויטען,
און גלעטען קעפלעך בליהענדיגע, מוח'יגע, הענטלעך כוח'יגע,
די גרינע אדערן פון זייערע הענט קריכען אוועק,
ווי דערשראקענע ווערים.

## א שלאַנג — אַני'אַדלער...

פאַרשאַלטענע, פאַרמיאוסטע תאווה,
מיט רויער אייזענגלוט אין זיך.
ווי אין א הייל, אין איהרע פינסטערנישען
א קריכענדיגע הונגעריגע שלאַנג בין איך...

איך קריך אום אין איהר שטאַרען קוילשטיין,
שנייד איהר חושך הין־צוריק,
און דורך מיין טונקעל ווילד־געבליט צוגיסט זיך
אן אומרוהיגע פרייד פון אומזיכערן גליק...—

אַט באלד, און ס'וועט א שיין א שלאַנג־טון!
א גרויסער ברעג מיט זון און וועלט
וועט זיך צושפּרייטען און צוברייטען פריי
פון שאַטענס און פון פלויטען ניט פאַרשטעלט...

פאַרשאַלטענע, פאַרמיאוסטע תאווה,
מיט רויער אייזענגלוט געפּרעסט!
כ'פליה אום ארום איהר ווי א מאַנסטער אדלער
ארום זיין ברענענדיגען נעסט!

## דעם מאָרגענגייסט.

דעם מאָרגענגייסט פאַרשטעלען טונקעלע שטאַכעטען.
איך האָב די שווערסטע וואָגט פון היינט אַביסעל אויפגעהויבען,
און זעה דורך כמאָרע־נעצען, גרויען זיך פון חושך; שויבען,
און זיך־באַוועגענדיגע, ליידענדיגע קעצישע סקעלעטען:
קריכען איינער אויפ'ן צווייטען.
טויטען... טויטען... מחנות טויטען...

דעם מאָרגענגייסט פאַרשטעלען טונקעלע שטאַכעטען,
איך האָב די שווערסטע וואָגט פון היינט שוין אָפּגעלאָזען.
און אָטעם ווידער איין די מאַנאָטאָנע וויסטעניש פון ריח'לאָזע גראָזען
און ס'שטרעקען קראַנקע פנימער פון געלע בעטען
זיך צו מיר אין פנים... איינער אויפ'ן צווייטען.. אויפ"ן צווייטען...
טויטען... טויטען... מחנות טויטען...

דעם מאָרגענגייסט פאַרשטעלען טונקעלע שטאַכעטען,—
איך בין די שווערסטע וואָגט פון היינט קוים דורכגעקראָכען,
און האָב קיין שטויב ניט אָנגערירט, קיין זאַך צושטערט, צובראָכען,
קיינזאַך ניט צובראָכען, קיינזאַך ניט צוטרעטען...
קריכען איבער מיר סקעלעטען־פינגער... איינער דורכ'ן צווייטען.
טויטען... טויטען... מחנות טויטען...

## די שטיבער קומען אַן...

די שטיבער קומען אַן אַלטיוגנע יעדען טאָג,
און שטעלען זיך אוועק שורה'ס'ווייז און גלייך.
איך שטעה פון נאכט אויף, זעה וואָס איך פאַרמאָג,
און ווייס אַלץ ניט ווי אָרים כ'בין,
און ווייס ניט ווי כ'בין רייך...

עס פלעגען פויגלען זיין אמאָל און נעסטען פיל,
מ'האָט געזאנג געהערט—אַמאָל פון גאָרער הויך.
איך שטעה פון נאכט אויף, זעה ווי אַלץ איז שטיל,
ווייס איך ניט ווי אָרים כ'בין,
און ווייס ניט ווי כ'בין רייך...

אין שטיבער וואוינען מערדער מידע, רוען אויס
פון בלוט־שכרות, און שלאָפען שטאַרק, געשמאַק און שווער.
איך שטעה פון נאכט אויף, געה אין גאַס ארויס,
באַטראַכט די אויסגעשטעלטע שטיבער, קליין און גרויס,
דוכט זיך מיר אַז עס פאַרפאַלגט מיך ווער,
מיט בלוטיג־אויפגעקוועלטע אויגען הינטער מיר,
פון א צוגעמאַכטען פענסטער,
פון א צוגעשלאָס'נער טיר...

און פויגלען שווארצע רויבערישע וואַרטען שטומע אין דער הויך.
עס בלישטשעט עפעס אָפּ מיר פאַר'ן אויג, טוט א בלאַנק.
א שאַרפע בלויקייט... ווער איך אזוי לאַנג... לאַנג...
ווער איך אזוי אָרים,
ווער איך אזוי רייך...

## צו ע. ש.

איך קאָן פון חלום מיינעם ניט ארויסשלעפען
פאַר דיר אַלצדינג וואָס כ׳וויל דיר אָפּגעבען...
איבער מיין חלום גרויט א שטיינערינגע ווירקליכקייט,
איבער מיין חלום טעמפּט זיך א פאַרגליווערטקייט,
פון וואונשען וועלכע זיינען בלויז צונויפגעקלעפּט פון זאמדען,
פון וויסטע פרעמדע שליאַכען אָנגעטראָגען...

אין דער משפּחה מיינער בין איך דער טויטער מענש
וואָס לעבט מיט חלומליכט און חלומפינסטערניש.
מיין מוטער גלויבט ניט מיינע רייד און מיינע באַוועגונגען,
פון מיינע ברידער און שוועסטער בין איך א פאַרלוירענער.
אין מיין חלומפינסטערניש שאָטענט זיך דער קבר פון מיין פאָטער
אומגלויבינ... אומגלויבינג און צווייפעלהאַפט,—
א מצבה אָהן אויפשריפטען.

דו... דו האָבסט א ריין פּנים און אַ ריין קינדיש האָריג.
דו האָסט שוואַרצע גוטע אויגען, אמת גוטע אויגען,
ביזט נאָך א קינד און וואַקסט... און לייכט לייכסטו אוועק פון מיר.
און ווערסט מיר פרעמד מיט יעדער רגע גוטסקייט
וואָס שיינט אויף מיר פון דיינע אויגען אויס...
שיינסט און לאַכסט אוועק פון מיר.
און כ׳קאָן דיר גאָרניט זאָגען... ניט פאַרהאַלטען דיך
דו זאָלסט פון מיר ניט אזוי גיך פאַרפרעמדט ווערען,
באַטש ס׳טוט מיר אזוי פינסטער וועה...

## װעגן אַ הױלען קאָפּ.

ס'איז אױך אַ בושה פאַר די װענט די אײגענע,
און פאַר דער זון פון טאָג פון אײגענעם,
און פאַר דער ליבע פון אַ פרעמדער פּרוי אפילו;
ס'איז אַ שאַנדע װען דער קאָפּ הױבט אָן זיך אױסטון
פאַר אַלע אין די אױגען אומגעריכט אַזױ,
אינמיטען העלען טאָג פון יונגשאַפט.

שעהן איז נאַר, פריידיג איז נאַר,
װען ס'טוט דער קאָפּ זיך אָן אין זילבערן העמד פון טרױער,
און ס'פאַלען אָפּ די שװאַרצע האָר װי שטראַלען טױטע, קױליגע,
פון אָן אױסגעברענטער זון אַ גאָלדענער:—
ס'איז נאָך אינמיטען העלען טאָג,
נאָר ס'פליהט אַ מחנה פױגעל פרײליכע אין אַ װײסער ליניע,
און נאָך דער מחנה ציהט אָן אײנציגע סאָראָקע.
און אונטען, אױף דער מינענדיגער ערד,
בױגען זיך קלײנע בױמלעך היִן און הער פון װינט,
שפּילען זיך הין און הער פון װינט...
ס'שפּילט מיט זײ זיך הין און הער דער װינט...

אָן אומצופרידענקײט פון אומגעטרײע הענט שטופּט אָפּ די העלקײט,
און אױף דעם שפּינװעבס פון די עלענטע װינקלען פונ'ם צימער,
האַלט זיך אָן אָן אַלטע טרײסט פאַר װעהטאָג.
פון אַלטע געלע װערטער װאָס חזר'ן זיך אױף צונג
רינט מײזעלש בלוט מיט עקעל...

גאָט זאָל שומר ומצל זײן!

## אהין...

אומערדיגער, אומערדיגער לבנה טאָג, — אום'ערדיגער טאָג,
איך האָב נישט דיינע שטערן, איך האָב זיי ניט,—
קיין זון איז האָך נישט באַשאַפען געוואָרען פאַר דיר
אַז אומזעהבאַרע לבנה באַלייכט די וועלט.
איך וואַרט היינט אויף גאָרנישט,
ס'וועט קיינער צו מיר נישט טרעפען,—
די ווייטסטע וועגען זיינען שטאָקפינסטער היינט.

ווי פאַרשפעטיגט גראָז אין ערשטען שניי פיהל איך.
אוי איז קאַלט פון פאַרצווייפעלטע זונענשטראַלען
וואָס פאַלען אומגעריכט אין אָנהויב ווינטער
אויף אומשולדיגע צווייגען פון יונגבוימלעך!—
מ'הערט אַ קינד וויינט ערגעץ — — —
וויינט דאָס הארץ אהין, אהין צום קינד...
און דער שטילער גוטער שניי שיט זיך ארונטער,
און פאַרדעקט די שאַנד פונ'ם הערבסט...

# איך דארף נים.

איך דארף נים אנזעהן דיין שאטען וועלכער טרעט דיר נאך,
און לאזט דיך אינ'ם מינדסטען שיין נים זיין אליין... נים פריי.
(דאן וואלט אין מיין אויג אז אנדער שיין געשיינט!)
אין מיין האנט וואלט רוהיגקייט גערוהט...
און יעדען טאג וואלט איך אין מיין הויך ארויפגעקוקט,
און וואלט געגלויבט אין מיין הויך, ווי א פעלז געגלויבט.
וואס איז מיליאנען מאל העכער און שטארקער פון מיר,
און אויף זיין הארטקיים קלינגט א קלאפ אפ
שטומער, קאלטער ווי אין מיר...

און אז איך ווער גוט אמאל און אויפגעלייגט
און עפען אויף מיין הארץ פאר דיר... מיין הארץ.—
קלייב אויף וואס ס'איז פאראן נאך אויפ'ן גרונט,
באלד וועט דאס אויך צוברענט, צואוועהט ווערען!
קלייב אויף און האב עפעס פון מיין געביין אין דיינע ציין...
ביז רוה וועט קומען אויף דיר
און דו וועסט זיצען שוין ביים פענסטער
און קוקען פונדערווייטען אויף דער וועלט...

עמיצער האט מיך מיטגענומען דאך צו דיר,
און האט זיך פון מיר אוועקגע'גנב'עט — (טויט!)
און מיר געלאזט ביי דיר...
נעם מיך אויבעט מיט ערגעץ און לאז מיר דארטען איבער
און שטילערהייט, בגנבה געה פון מיר אוועק,—
אין מיין אויג וואלט דאן אז אנדער שיין געשיינט...

## אינדערפריה.

פון דער קיילעכדינער נאכט קום איך ארוים א לייב.
כ'האב זיך מיט הונגעריגן נייסט ארומגעדרעהט צווישען שטיין,
געשמעקט די פיסטערניש, געשמעקט די גופינקיים פון זיך אליין
און ווילדבוים האט געראַשט איבער מיינע נערוון
און זיי געריינצט און געריסען...

דאס וואסער פון קראַן איז פריש,
דאס ליכט פון דער זון איז גרויס און רייך,
די גאַסען פון דער וועלטיגער שטאָט זיינען ענערגיש.
און די האר מיינע אויפ'ן קאָפּ קרויזען זיך מיט שטאָלץ:
מיין פנים איז נישט רוי, און מיין שטערען איז ברוין
פון פארטיגקייט, פון רייפקייט...

מען קויפט ברויט און מען קויפט פריש פלייש
אין די אויפגעלעבטע קראָמען;
מען לויפט צו דער ארבייט מיט כוחות און כעס'ען
מיט אידעאלען און חלומות לויפט מען צו דער ארבייט,
אין די אויפגעפראלטע פאבריקען אריין...
ווייל ס'איז א שטאָט, א גרויסע שטאָט,
וואס אנטלויפט פון דערפער און וועלדער,
טאָר זי נישט שטעהן בלייבען, טאָר זי ניט אין רוה אריינפאלען,
טאָר זי נישט צוריק זיך בויגען צו גרינקיים.
דארף זי לויפען, לויפען אין דער וועלט אריין...

כאפט זיך אויף מיין קינד מיט געוויין,
הויבט דאָס געוויין אָן ווינטיגען
הויבט זיך אָן מיין פייערחלום לעשען, לעשען.
ווערט גרויסער טאָג הער איך אויף זיך אָנזעהן
אינ'ם ראש־צופלאַמטען טומעל פון מענשען
הענג איך אין דער שטאָט הויך, הויך,

אביסעל ברודיג וואסער רינט דורך דורך מיין זכרון—
דאָס לעצטע ביסעל נאכט, רינט שוין ארויס פון מיר.
פאסיקעלער לבנה־שיין איבער דאָס לעצטע שטיקעל ברודיג נאכט:
קלינגלער קלייניגקע פון מעסערס, האַלבע שערלער,
שווימען אום אויפ'ן לעצטען שטיקעל ברודיג נאכט אין מיין זכרון.
נאָר דער טאָג איז פריש און ליכטיג.
די שטאָט האָט אלע איהרע אוווענס איינגעהייצט;
עס קאָכען זיך די טעפּ מיט אייזען און זידען,
די טעפּ מיט גאָלד און די טעפּ מיט קופּער קאָכען און זידען;
און פון הינטער שאָטענס רוקען זיך די קארליקלער די ווייסע,
טראָגען אין די הענט די טעפּ מיט בלוט,
אין די ברענענדיגע אוווענס—
זיי זאָלען זיך קאָכען גלייך מיט אַלע טעפּ,
מיט'ן גאָלד און מיט'ן אייזען, מיט'ן צין און קופּער...

אויפ'ן קיילעכדיגען טאָג הענג איך ווי א הירש א יונגער.

# צו זיך אליין.

און נאקעט זאָל איך זיין ביז אַלע טיפע קנייטשען,
און זאַגען זאָל איך אַלץ אין וויסטסטען שארפסטען בלאַנק,
און שעלטען זאָל איך שוין נישט האָבען ווען און וועמען,
ווייל ס'וועלען זיך די קללות אונטער דעם כעס מיינעם בגנבה
ארויסשאַרען, אוועק מיט'ן ווינט צו ווינטען אנדערע,—
וועט זיין וואויל און פריי...

און אויף די גריבער זאַלען גראָבע שפינוועבסען פארשטעלען
די שרעקען וואָס האָבען געדרייצט מיך ווען;
גערופען און אוועקגעטריבען אין שווערע מינוטען
ווען כ'בין געקומען איינגעשטאַלץ אין זיי אריינקוקען,
אריינקוקען, זיך איינקוקען און דערזעהן...
וועט וואויל זיין און פריי...

און פון דער וואנט אראָפּ מיין מאַמעס פארטרעט נאר,
גאַרנישט מעהר—ס'איז גאַרנישט מעהר געווען פאר מיר...
ארום איהר גרויען קאָפּ מיין גרוי־קראַנק לעבען,
מיין גרוי־קראַנק ווארטען, מיין גרוי־קראַנק זוכען,
מיין גרויער רינג פון אַלע אויסגעוועבטע פארבען,
וואָס האָבען געבליצט אין די גרויסע אויגען
פון מיין צוריקגעטריבענער נשמה,—
וועט וואויל זין און פריי...

## גאָט ווערט גרוי.

גאָט ווערט גרוי פון צייט און שטויב און רוים און טרוים.
און די וועלט מיינע, צי ער האָט יאָ אָן איהר פאַרגעסען אָדער ניט,
וועהט איבער זיין קאָפּ בלויז שטויב פון אלערליי קאָלירען,
און צייט — איינטאָניגע, איינטאָניגע צייט,
און קיין טרוים אינגאַנצען ניט דערוייל...
ווייל איך האָב נאָך דעם טרוים ניט אויסגעריסען פון מיינע נעבט,
ער בליהט נאָך דאָרט אונטער א קאַלטען הימעלדאָך;
ער שיינט נאָר אויף אַמאָל און שפּרייט קאָלירבלענדיגע גאָלדען,
קאָלירבלענדיגע זילבערען ארום מיר אוים,
אַזעלכע רינגען, רינגען ארום מיר,
זילבערן און גאָלדען...

אין גאָט'ס גרויקייט איז מיין זילבער־חלומשיין ניטאָ נאָך.
אויף די פאַרפראָסטיגטע וועגען פון מיינע קינדעריאָרען
שיינען זיינע יונגע זונען נאָך פון מיטענהימעלדיגע הויכען
דער גויאישער פּאסטוך טרייבט פון פעלד די קיה אַהיים
אויף מיינע פאַרפראָסטיגטע קינדערוועגען.
איך זעה פונווייטען דעם פּאסטוך און די קיה...
און די קאַטשקעס אין דער קאָליעזשע ביים פעטערס מעל־קלייט
זעה איך אומשווימען אצינד — מיינע פאַרפראָסטיגטע קינדערוועגען.
זאָל גאָט גרויער ווערען, גרויער ווערען,
אין אַלע מיינע קאָלירגע שטויבען גרוי ווערען.
און רוהיג זאָל מיין טרוים נאָך בליהען אין זיין שלאָף...

## צו ע. ש.

איך טראַכט צו זיך:
די אויגען דיינע זיינען איצט קינדישע דריי יאָר בלויז אַלט,
און מיינע אויגען קעגען דיינע ווערען אויך אַזוי,—
אַ מינוט נאָר ווערען זיי אַזוי,—
קליינינקע, ריינקלאַריקע...
איז וואָסזשע דען דאָס טראַגיש־טונקעלגרינע לעבען איבער אונז?—
אינמיטען זיינען גרויסע גריבער טאַקע דאָ,
עס רוישט מיט פּחד'יגען פּעכיגען קאָשמאַר...
מיר וועלען איבערשווימען האַלטענדיג זיך ביי די הענט;
מיר האָבען דאָך נאָך ליבע אין די הענט,—
וועלען מיר זיך האַלטען ביי די הענט...

איך טרויער צו זיך:
ווי אַלע שטילע מענשען פון דער וועלט,
אויף די קליינע האַלצשיפעלעך פון זייער לעבען,
שווימען מיר דאָך ביידע צו פאַראייִנזאַמט ווערען.
איך — פונדערזייט שוואַרצער וואַנט, — אַן איינזאַמער...
דו — פוניענערזייט — אַן איינזאַמע...
איך— פאַר זיך אין טויט אַליין — נאָך איינזאַמער...
דו — פאַר זיך אין טויט אַליין, נאָך איינזאַמער...
קלייניאַריקע, ריינקלאַריקע,
ריינקלאַריקע, קלייניאַריקע...

און אָט אַזוי! — צוריסען און צופליקט אַלצדינג
וואָס האָט אונז אייִנער צו דעם צווייטען צוגעבונדען!
פינסטער... פינסטער... קיינער האָט קיין ליכט ניט אָנגעצונדען
זעהן וואוהין מיר זיינען פאַרשוואונדען...

## טויט מיינער.

מיין טויט, מיין ריינער טויט, מיין גוטער טויט,
פון אַלע הויזפּענסטער שמייכעלט ער צו מיר און לאָזט מיך גען.
ער קלייבט עפּעס אַז פון דער גאַנצער וועלט פאַר מיר,
און אין דער רוה וואָס ער פאַרגרייט פאַר מיר.
אַז איך דערשרעק זיך און איך ציטער־אויף א רגע,
לויפט ער אַן הינטענאַרום און פאַרכאַפּט מיך:
נישט געשראָקען, שרעק זיך נישט!

מיין טויט, מיין שטילער טויט, מיין קילער טויט,
ער געהט אַרום אין א געדיכטען אַלטען וואַלד,
און זוכט פאַר מיר א מצבה אויף מיין קבר.
איך הער זיין טראָט אין מיינעם...
זיין עכאָ קלינגט מיר אָפּ פון האַרצען מיינעם,
אין וועלכען אַלץ ווערט טויט פאַרלאָרען און פאַרלאָשען.
אַז איך פאַרטראַכט זיך ווען אזוי זיך אין מיין צער,
און עפּעס הויבט אַן פינסטערן אויף די ברעמען מיינע,
בליצט ער אויף פאַר מיר און פאַרכאַפּט מיך:
ס'איז נישט אמת... ס'איז נישט אמת...
איך בין דאָ...

## יעדען טאג.

יעדען טאג א גראב אין דר'ערד א האסטיגערן, מיט די שוואכע פיס...
יעדען טאג א שמייכעל צו דער אייגענער פרעמדקייט,
פון וועלכער מען ווערט אפגעהיימישט.
וואגלען אום פארבליבענע טרערען אויפ'ן גרונט פון אויג,
און וועלען שוין בלייבען דארטען,—
עס מוז דאך עפעס בלייבען אויפ'ן גרונט פון אויג...

אן אלטער מענש, איינער אליין פון שלאפלאזען בעט געהט אראפ ביינאכט
צינדט אן א ליכט און שטעהט לעבען זיין געלעגער,
טאפט דאס בעטגעוואנט מיט אומגלויבען...
קוקט זיך איין אין בעט מיט צווייפעל...
הערט ער זיך איין — א מייזעל שקראבעט אין אנ'אלמער,—
קומט דער גלויבען איהם צוריק אין זעל אריין,—
לייגט ער זיך צוריק אין בעט אריין...

ער ווייסט דאך שוין און איז גרייט מיט אלעמען, מיט אלץ;
דאס פלייש פון אונטער'ן הויט פארשווינדט;
די ביינער לייטערן זיך אין קאלטער וואָרטעניש,
און אז עס געהט א רעגען פון פרוכטלאזע גראבע כמארעס,
הערט ער איהם קלאפען אין וואנט,
הערט ער און איז גרייט...

## אַפּרייסען.

מען וועט די בריקען אַלע דאַרפען אַפּרייסען צוריק,
און וואָס עס האָט פאַרבונדען איינעם מיט'ן אַנדערן
צופליקען באַלד. וועט עפענען אַ נייער וועג זיך אין דער וועלט.
אַ פרייע ליכטיגקייט צו וואַנדרן...

וועט נעמען לאַנג ביז איינער וועט דעם צווייטען אַנטרעפען,
אין טויזענטערליי חלומות וועט זיין בענקשאַפט זיך פאַרטרויערן...
און וועט מען טרעפען זיך וועט אויך איבער די קעפּ
אַן אייביג־שטומע פרעמדקייט לויערן...

און פוסטע שטעט מיט הויכע מויערן מיט טויטע פענסטער
וועלען ווי אַ חרוב'ער גן־עדן שטעהן אין גרויען עלענט שימלען,
און ביסלעכווייז וועט אַלץ פאַרשאָטענען ווי רויך, און לעבעדיגער ווערען
וועלען אַלע טויטע שטערען פון די הימלען...

ביים ים אַ שטוב, אינמיטען פעלד, צעווישען וועלדער,
ווייסע פנימער פון מאַן און ווייב און בלאַסע ציטערדיגע קינדער.
וועט קוקען גאָט מיט קנייטשען אויף זיין שטערען איבער אונז,
און זעהן אונז פון דערווייטענס — קינדער...

## דער געדאַנק...

דער געדאַנק פון רויער פרייד איז דאָך אַ חיה־רעה, אַ חיה־רעה!
עס פרעסט דאָס שפּיל מיינס אויף אינמיטען אַלע שימערדיגע גלאַנצען;
ער זיצט אויף דר'ערד און האַלט די לאַפּעס זיינע אונטער זיך,
און זשמורעט זיינע אויגען אין דער ווייט פון טינטיגע וואָלקענס...
איך טו זיך נאַקעט אויס פון רייד און קאָמבינאַציעס פון קלאַנגען,
וואָס כ'רעד זיך איין אַז זיי דערוועקען אַפּהילך אין מיין פוסטקייט;
און אַז חורבות הויבען אָן זיך אָפּבילדען די גאַנצקייט פון אַ גאָט,
וואָס נעהט אַרום אין זיי און קלאַגט מיט חרטה,
מיט חורבה'דיגע אויגען קלאַגט ער אין חרטה;
פיהל איך דאַן די קללה פון דער רויער פרייד
נאָך וועלכער מיין בלוט טריקענט...

דער געדאַנק פון רויער פרייד איז אַ חיה־רעה, אַ חיה־רעה,
כ'קאָן זיך קיינמאָל נישט באַפרייען דאָך מיט אַלע מיינע שטיינער
וואָס איך לייג אין וועג פאַר זיך אַליין — מיין פינסטערע בלאָקאַדע!
עפּעס ווערען גרויסע פינסטערנישען צונטעריג אין מיינע אויגען,
ווען איך דערזעה אַ הונט זיך פּאָרען מיט אַ הונט אין גאַס,—
דאָס ציהט זיך אינדערברייט און אינדערלייינג אויס מיין געדאַנק
נאָך רויער פרייד... נאָך בלינדער רויער פרייד...
וואָס איז דער פּלאַם וואָס קנוילט אין רויביגקייט פון מיינע איבעראַשטע אויגען
און וויל זיין לויטערקייט נישט שענקען אין דער פריי,—
דאָס איז דאָך אויך די חיה־רעה, די חיה־רעה,
דער געדאַנק פון רויער פרייד...

## אין בעט.

כ'טוליע זיך צו דיר, איך ליג ביים אפגרונט,—
דו פארשטעלסט דעם אפגרונט מיט דיין שטארקייט.
דיינע הענט ציטערן נישט אויף מיט אומזיכערע בלויע אדערן
האלטסט צו די וועגט דיינע... די שטארקע וועגט...
ווערט די בייזע וועלט צופלאצט שרייענדיג, טומלענדיג.
און ליגט ביים שאטען פון דיין פענסטער...

שוין פינף יאהרען אז איך האלט זיך צו אן דיר,
פון דיין זיכערקייט שיינען אפ די שווארצע וואלען אפלויפענדיג;
זיי זוכען מיך און ווילען מיך פארפלייצען.
נאר זיי קאנען נישט אריבער איבער דיר צו מיר,
גלאנצען זיי אוועק, אוועק, אוועק...
צוריק צו יענעם ברעג... צו יענעם אנהויב־ברעג.

אין א פארנאכט, ווען מיט פארשטעלטע אויגען
רוקט דער הימעל זיך אריין אין דער שאנד־זינד פון דער ערד,
און וואשט דאס פנים זיך מיט ברודיג בלוט,—
טוליע איך זיך מיט אלע מיינע קראנקע גלידער
צו דיין הארטען פעסטען רוקען, צו דיין ביינעריגען גוף,
און קלאמער זיך אריין אין אלעווארצלענדיגע כוחות
וואס ציהען זיך צו שפעטע שפעטע צוקונפטען,
וואס זיינען נאך צעווארפען און צוזייט,
אונטער שווייגענדיגע שטיינער...

## בלוט.

מיט בינטלעך זאנגען פון מיין טויטפעלד אויף די אקסעל קום איך,
לאזטו מיך צום פענסטער צו און קוקסט אויף די זאנגען,
קוקסטו זיך איין אין זיי און פרעגסט מיך:
וואס טריפט אזויפיל בלוט פון דיינע זאנגען?
זעה, עס טריפט אזויפיל בלוט פון זיי?!

ס'איז נישט קיין בלוט — לאך איך.—
ס'איז זון. דערקענסט נישט אז ס'איז זון!
שמייכעלסטו:
ס'איז טאקע זון, ס'איז טאקע זון,—
נאר, וואו האסטו אזוי פארבלוטיגט דיינע אויגען?

לאך איך:
כ'האב מיינע אויגען נישט פארבלוטיגט, גוטע;—
איך האב א גאנצע נאכט געפרעהט זיך און געיובלט,
ב'האב פון מיין טויטען פעלד ארויסגערופען אלע מתים,
און אונטער'ן שיין פון דער גרויסער זעהענדיגער לבנה,
האט יעדער איינער זיין מצבה אויפג'הויבען פון דר'ערד,
און געטאנצט מיט איהר ארום דעם אפענעם קבר...
און איך האב צוגעקוקט און האב געוויינט און געלאכט
און ס'איז געווען ביי מיר יומטוב...

שמייכעלסטו:
ס'איז טאקע יומטוב אין דיינע אויגען,
ס'איז טאקע יומטוב, איך זעה שוין טאקע.

שטעה איך ביי דיין פענסטער מיט יומטובדיגע אויגען.

## אוממאַכט.

אזוי האָסטו דאָך אויך מיין לעבען אויפגענומען ווי א שפּיל א לייכטס א נייס,
האָסט נישט געוואָלט אראָפּקוקען אין אָפּגרונט פון מיין שטומקייט,
און די אויפגעפלויגענע רייד מיינע דעם גאַנצען חלום דיינעם אָפּגעגעבען.
און איך האָב דאָך נישט גאָהנט מאַכען צו זיך געוואָלט דיך...
נאָר ווייטער... ווייטער, און פונדערווייטענס זאָלסטו מיך דערקענען,
און פונדערווייטענס זאָל איך אויסשטרעקען צו דיר מיין האַנט מיין איינזאַמע
און אָפּלייקענען די צייט פון יאָהרען וואָס האָבען רויך אויף אונז געבלאָזען,
וואָס האָבען וואָלקענס איבער אונזערע קעפּ געטריבען, סטאַדעס וואָלקענס.
דו, איך ווייס נישט ווי אזוי איך זאָל דיך אָנרופען אַצינד,
אַז דו זאָלסט מיך דערקענען קלאָרער, ווייטער... רוהיגער...
אַז דו זאָלסט מיך דערזעהן, העכער, פרייער... אויפגעהויבענער...

א הויז פון פינף צימערן... א קינד מיט הימעל־פריידיגע אויגען.
דו ביזט מיין ווייב שוין פינף יאָהר און איך — דיין מאַן,
איך גיב דיר מיין פאַרדינסט אַוועק און דו באַזאָרגסט די פינף צימערען,
און דו באַזאָרגסט דאָס קינד און מיך...
כ'שטעה יעדען אינדערפריה אויף מיט א בייזען שווערען חלום אין געדאַנק,
און האָב מורא דיר דערצעהלען איהם, כ'האָב מורא...
דו ביזט דאָכט זיך אין מיינע אָרמס א גאַנצע נאַכט געלעגען,
און אַז דו האָסט מיין ליבע געוואָלט, האָב איך זי דיר געגעבען...
נאָר אינדערפריה קוק איך אויף דיינע פולע אָרמס מיט פאַרדאַכט,
און זוך אין דיינע אויגען זינד און סודות פון דער נאַכט...
און אַז דו רעדסט צו מיר מיט גוטען ווייכען טאָן און מיט ליבשאַפט,
און אַז דו נעמסט אָרום מיין צושויבערטען קאָפּ מיט געטריישאַפט
דאַכט זיך מיר אַז דו ווילסט מיר די צייהן פאַררעדען...
דו ווילסט איך זאָל זיך אַט אזוי אין דיינע גוטע רייד פאַרוויגען,
און ווידער איינשלאָפען... און דו זאָלסט טון אַלצדינג אָהן שאַנד,
אַנטקעגען מיינע צוגעמאַכטע נאַרישע אויגען...
מיינע צוגעשלאָסענע איינגעשמידטע אויגען...

## קלויסטערס קלינגען.

קלויסטערס קלינגען אויס יומטובים פון דער הויך,
ביי די טירען פון די קלויסטערס זיצען בעטלער קראנקע,
צו די טירען פון די קלויסטערס קומען שעהנע מענשען,
אויסגעפוצט און אויסגעהייליגט אין מלכותדיגער רייכקייט,
קלינגען קלויסטערס אויס יומטובים צו זיי,
שטרעקען בעטלער אויס די הענט צו זיי,—
גיבען זיי נדבות צו די בעטלער...
אין בלויע פורפורנע פייערען שוועבען אלע זונטאגען,
מיט צונעקלעפטע ווייסע פליגעל אויף די געלע אקסלען,
שארפען זיך די שפיצען פון די גאלדענע צלמים אויף די קופאלען,
בלוטיגען די קליינע צלמלעך אויף יונגע שיקסע־העלזער,
און ווען קיינער זעהט נישט... טראכט נישט...
געהט דער געקרייציגטער ארונטער פונ'ם צלם,
שטעלט זיך אויף די קניה פאר אלעמען
שטרעקט אויס די צולעבערטע רעכטע האנט—
און בעטעלט...

נאר זיי גיבען איהם גארנישט...
קרייציגט ער צוריק זיך אויף דעם צלם
און ער זעהט ניט... און ער הערט ניט... טראכט ניט.
אין פוסטע הימלען קלינגען אלע קלויסטערס...

## רוקענס.

די שעה'ן פון שכורקייט היינטיגע צייטען ביי אונז!
די פרויען זיינען צו עלאַסטיש מיט זייער רייץ אויף די גאַסען,
און זייער אויסגעלאַסענקייט איז צו ביטערע און קהלת'דיג.
מיר, יונגעלייט וואָס האָבען פרויען צום קינדלען אָהן פרייד,
מיר געהען אויף זאַראַטוסטראַ'ס וועגען מיט באַלעבאַטישע טריט,
מיר געהען אויף זאַראַטוסטראַ'ס וועגען מיט געוועגליכע פנימער,
און הינטער אונז — די קינדער אונזערע
וואָס די ווייבער האָבען נאָכגעשיקט...
די שעהנגעוועזענע ווייבער וואָס זיינען שוין מיד צו אונז און קאַלט...

די צוזאָגען צו זיך אַליין און די אָפּגענאַרטע טעג און נעכט!
די תאווה וואָס דערטרינקט אונז אין א שווארצען שלאָף פון מידקייט,
אויף ווייכע וואַסעריגע בריסט פון אויסגעלאַשענע פרויען פראַסטיטוטקעס.
אָט די תאווה וועבט נעצען ארום אונזערע קינדערס קערפּערס
וואָס שלאָפען נאָך מיט אונז אין איין בעט...
ווייל אין אונזערע הייזער איז צו אַנשטענדיג דאָס מעבעל,
און אויסגעלעזענע און אומגעלעזענע ביכער — וואָס זיינען זיי?
און וואָס לאָזען זיי אונז באַהאַלטען פון זיך אין זיי?
גאַרנישט! — שעהנע רוקענס גלאַנצען מיט גאָלדענע אותיות.
ווי אַלץ, ווי אַלץ וואָס שטעהט צו אונז מיט"ן רוקען,
מיט'ן רוקען... מיט'ן רוקען... מיט'ן שעהנעם רוקען,
מיט די גאָלדענע אותיות...

## א פשוט ליד.

איך בין נאך אלץ דער שמייכלענדיגער בחור מיט'ן קרויזענקאפ,
און זעץ זיך אפט אינמיטען יוגענטוועג אוועק אזוי,
מיין ליבע וואס איך רייס מיט גוואלד ביי זיך אין הארצען אפ,
קאן קלעקען פאר א פיזיש־טיפער פרוי,
נישט מערער ווי א מצה ביי א הונגעריגען גוי,
נאר איך האב ליב אזוי... אזוי...
מיין ליבע אנצוהענגען אויף א שטרוי.—
וואס שטעקט דען פאר מיין הארץ דא די געפאהר?!
איך ווער אביסעלע א נאר... א נאר...

איך בין נאך אלץ דער זעהר־טרויעריגער מענש אין שווארצער קרוין,—
איך ווארף די כוואליעס־שטונדען אפ פון זיך דערפאר,
צו אלע שווארצע יארען וועלכע רוישען אונטער שטיינער שוין,
און ווייסען גיט פון מיר ווי שעהן איך ווער,
ווען כ'בין אביסעלע א נאר... א נאר...
אביסעלע א נאר...

איך בין נאך אלץ דער צוקוקער פונווייט... פונווייט... פון הויך...
און קאלטע שניי־געדאנקען דרעהען זיך ארום מיר אויף און אפ.
דער שווארצער רויך וועט באלד שוין ווייס ווערען... און בלייך,
און ווינענדיג־בלייך וועט אויפשיינען מיין קאפ
מיין אויסגעהייליגטער קאפ.
וועל איך ארונטערקוקען צו דער ערד אראפ,
און ווייס און ווייס ארויפרופען די טויט־געפאר:
איך בין געוועזען שוין א נאר... א נאר...
אביסעלע א נאר...

## אין אָט דער צייט, פאַרנאַכט.

אין אָט דער צייט, פאַרנאַכט, ווען ס'פלעגט אָנהויבן קאַלט ווערן דער טאָג,
פלעג איך זעהן אַז אַלטע מענשען, מיין אייגענעם זיידען,
שטעהן אין ווינקעל קלייט און דאַווענען מנחה,
קונים זייגען ווייניג אריינגעגאַנגען,
ווייל דער זיידע האָט געדאַווענט מנחה.
די גאַנצע גאַס האָט געזעהן, ווער ס'איז נאָר דורכגעגאַנגען...

עס ווערען קאַלט די טעג און פאַראָווענטען אין קעלט אריין!
עס ציהט מיך צו דער וואַנט פון יענע אָווענטען
אוועקשטעלען זיך ביי דער וואַנט אזוי, אַז אַלטער מענש ווערען,
און דאַווענען מנחה. מנחה דאַווענען!
מנחה מוז מען דאָך דאַווענען!
אפילו מיר, — איך און דו מיין ברודער נחמיה,
און דער פּאָעט לייוויק פון ניו־יאָרק,
און דער פּאָעט מאַני לייב און זישאָ לאַנדוי — פון ניו־יאָרק
איצט איז דאָך די צייט פון מנחה,
נאָך אַזאַ מלחמה אויף דער וועלט!

עס קלינגען זייערע קלויסטערס מיט אזעלכע זיכערע ווענטען,—
נאך אזא גרויסער מלחמה, אזא ווייטער מלחמה,
ביז'ן ראנד וואס איז מיט מיטעלאלטער־גראז פארוואקסען.
אויף אונזערע מזוזות קריכען וואנצען ארום,
און אויף אונזערע ווענט, די פושקעס פון צדקה—
אז די קלויסטערס קלינגען, און זייערע זונטאגען שימערירען,
קלינגט עס אפ אין אונזערע פושקעס: צ ד ק ה  ת צ י ל  מ מ ו ת...
איך הער עס אליין...

איך זיץ אין דערפינסטער און הער,
און דער טאג פארקילט, פארוועהט, פארציהט
נאר וואס קאן איך טון?!
איך צינד קיין ליכטיגקייט ניט אן ארום זיך.
און זיץ אינדערפינסטער און הער...

## דרכגעלאָזט.

כ'האָב דורכגעלאָזט דורך זיך די זומערצייט אַהן שטויב, אַהן לויב,
כ'האָב מיט דער האַנט קיין הויב געטון, קיין צייכען געטון,
און כ'ווייס אַצינד ניט וואו די זומערצייט איז הינגעקומען.
כ'זיץ גלייכגילטיג אין הויז און טראַכט ניט ווייט אין דער וועלט אַריין.
כ'בין רוהיג, רוהיג ווי דער קילער טאָג דער היינטיגער,
וואָס בענקט אין ערגעץ ניט און לייכט מיט ווייסער זונינקייט
צו אַלעמען אין די פענסטער אַריין, אַלעמען אין פּנים...

מיין פריינט, ווי מענשליך ס'איז די לופט היינט אויף דער וועלט!
ווי שעהן די וועלט קוקט אונז אַריין גלייך אין די אויגען;
ווי שעהן עס קוקען היינט אַרוים פון אונז די אויגען!
איך ווייס ניט וואו מיין זומערצייט איז הינגעקומען,
און האָב קיין חשק ניט איהר זוכען לויפען...
איך הער דאָס אַנקומען פון אַ גרויסען, קאַלטען ווייסען טייך,
וואָס וועט אונז אויפכאַפּען אויף זיך און אונז פּאַרטראָגען
צו דער אַוועקגעלאָזטער שעהנער זומערצייט...

מיין פריינט, אַט קוקסטו איצטער דורך מיין פענסטער אַרויס,
און וואַרטסט מיט מיר אינאיינעם — מעגסטו דען?
אפשר נאַרט דיך אָפּ די רוהיגקייט אויף מיין פּנים,
און דער אויפגעבליצטער שיין אין מיינע אויגען?
דער ווייסער טייך וועט קומען, מיך אַליין אַוועקטראָגען,
און דו וועסט בלייבען אינ'ם זאַמד ביים ברעג...

ווי קאָנסטו זיין אין אַזאַ חשד פון ליכטיגקייט און שאָטענס,
וואָס קרייזט אַרום מיך, פריינט! ווי קאָנסטו זיין מיט מיר!
ווי קאָנסטו זיך דערגלויבען צו מיין זומערצייט.
געה אַרוים פון מיין וועלט!

# דיין פלייש.

דיין פלייש, ווי ס'פלייש פון יעדער שיינער יונגער פרוי,
צורייצט אין מיר די הייליגקייט פון גרויסער ליבע צו דיין גייסט
וואס איז דערווייל אין מיר... שיינט העל אין מיר דערווייל,
און איז נאך איינס מיט מיר — מיין זעל!
און אז איך קום צו דיר און ביזט מיר מודה שטענדיג
אויף דער מיסטעריעזער שענקייט פון מיינע אויגען,
אויף דער מיסטעריעזער קרענקליכקייט פון מיינע הענט,
הויבט אן דיין פולער פעטער האלז מיר עקלען...
איך האב שוין אויפגעבונדען אפט פון דיינעטוועגען
אלץ, אלץ וואס האט זיך אפגעטונקען אין מיין זשעדנע בלוט,
און דו האסט אלץ דיין גייסט פון מיר נישט צוגענומען...
און אומגליקליך ביזטו אפילו אין דיין לויכטענדיגען אויסגעשריי,
אינמיטען פרייד וואס האלט זיך קוים אין שטויב,
פון דיינע דילען אין דיין שעהנער שטוב:
נאר איך בין ביי דיר און איבער דיר סייווי,
ביי דיר אין שטוב, ביי דיר אין שטויב,
אין שטויב פון דיינע טריט צום טויט, צום אייביגען שטויב...
צו דער אייביגער ליבע צווישען ווערים אין דער ערד.—
שיינע פרוי, וואס דיינע בריסט האבען זיך אויספארמירט און פול געווארען
ערשט נאך דער חתונה.. ערשט נאך די פולע חתונה־נעכט.—
דיין גייסט איז רייף אין מיר, נעם איהם צו!

# לויה.

דער טויט האָט אַליין זיך אין ווייסען באַקליידט
און געהט נאָך נאָך דער לויה פון דיין קינד,
קיינער זעהט איהם נישט נאָר אַלע ווייסען אַז ער געהט
און אַלע הערען דעם שאָרך פון זיינע ווייסע קליידער...

ער זיצט שוין איצטער אויפ׳ן פאַעטאָן צווישען אונז:
די פאַלעס פון זיין ווייסען קלייד ליגען אויסגעשפּרייט איבער אונזערע פיס.
ער קוקט אונז יעדע וויילע אין די אויגען,
און מיר פרעגען איינער ביים צווייטען,
צי דער בית עולם איז נאָך ווייט...

אַ נאַקעטער גאַסיגער בית עולם.
קיין בוימער האָט ער נישט, קיין שאָטענס האָט ער נישט,
וואָס זשע בין איך דען אַהער געקומען זיך אומשלייען צווישען די שטיינער,
אַז איך גלויב נישט אַז אונטער אָט די שטיינער ליגען מתים,
אפשר איז עס גאַרנישט קיין בית עולם?

## פאַר'ן אַלטען בוים.

פאַר'ן אַלטען בוים בוקט דער האַריזאַנט זיך,
שטיל זאָל זיין און ריין זאָל זיין די ווייט פון אינדערפריה!
חדשים וואַרט די וויסטע סטעפּ אויף שניילופּט,
חדשים וואַרט מיט גרינער גאַל די ליבע מיינע
אויף דעם ערשטען בלוטשטורץ פון פיין...
דער טאָג שטעהט אויף שוין פון די קניה
און שטעהט אַנטקעגען טייך פון גאַנצען פרילינג,
וואָס שטראָמט מיט ימ'ען־פלאַמען צו מיר.

איך בין נאַקעט, אַנהויבדיג און קנאַספּיג־שעהן
אין תכריכימדיגען שיין פון צובּרענטען ביין און צופוילטער הויט.
איך בין אַנגעטאָן מיט שפּינוועב פון היינט,
אין שפּינוועב פון מאָרגען־היינט.
נאַקעט־אַנהויבדיג.

פעלדיגער קאָפּ — הערבסטווינטען אויף איהם,
וויסטער קאָפּ מיינער — דער פּחד פון טויט
קאָן אויף די איינציגע גרויע האָר מיינע ניט העננגען לאַנג.
איך בין אַנהויבענדיג צום האָריזאַנט אַרויס
אויסגעבויגען צום האָריזאַנט אַרויס
מיט ביטער־פעפּערדיגע אויגען.

## אז איך וועל...

אזוי וועל איך אריינקומען צו מיין מאמען וואס עלטערט זיך שוין שטארק:
מוטער מיינע, מאמע. איך בין שוין אויפגעגאנגען הײנט
אין טונקלער ליכטיגקייט פון אונזערע אלעמענס קברים...
איך האב געזעהן די קברים פון אונז אלע—
איינער נעבען צווייטען... איינער נעבען צווייטען...
און ארום די קברים איז פינסטער געווען, פינסטערע רינגען,
נאר ס'איז דאך געווען שטיל... שטילע פינסטערניש.

איך וועל אויסטון מיינע שיך, מיינע זאקען:
מאמע, קוק אויף מיינע דערברענענדיגע פיס!
וואו בין איך מיט זיי געגאנגען?
וואו בין איך מיט זיי אנטלאפען?
וואס האב איך מיט זיי געטראטען?—
וואס ברענען זיי מיט גלע, טויטע פייערען יעדע נאכט?
אויף אונזערע אלעמענס קברים בין איך שוין געווען — — —
אויף אונזערע אלעמענס קברים — אויף מיינעם אויך...

אויפ'ן טיש פון אונזער עסצימער קריכען אום ווערים ביינאכט,
ווערים פון אונזערע קברים, מאמע!
איך בין נעכטען ביינאכט פון בעט אראפגעלאפען א טרונק טון,
(ס'האט אין האלז סכנות'דיג מיר געברענט,)
האב איך ליכטיג געמאכט אין עסצימער,
און האב דערזעהן ווערים אויף אונזער טיש,
אויפ'ן טיש וואו מיר עסען ברויט אלע טאג, מאמע!
האב איך תיכף פינסטער געמאכט,
און בין אין בעט אריין...

## ווינט און פייער.

שוועבט דאָס ווייסע פייער אין דער לופט אַרום,
און פאַרברענט, פאַר׳שרפ׳עט און פאַרקוילט,
ליגען ביי די ראַנדען פון די יאָרען, וועלטען שטום
פאַרשימעלט און פאַרזשאַווערט און פאַרפוילט...

שוועבט די קאַלטקייט פון אַ שפּעטעריגער נאַכט,
און פאַרמינדערט און פאַרלינדערט און פאַרלייכט,
האָט די שרעק די רויטע אויגען אויפגעמאַכט,
קומט אַ נעבעל און פאַרשטעלט זיי, און פאַרבלייכט...

סודות פליהען פון מיין לעבען אויף און אָפּ
און לויפען צו דעם שימעל פון די וועלטען ראַש,
דאָס ווייסע פייער פלאַקערט איבער זייער קאָפּ,
און שיט, און שיט אויף זיי מיט פרעסענדיגען אַש...

## די צובראָכענע אידיש-מענשליכע פּנימער.

אויף די צובראָכענע אידיש־מענשליכע פּנימער פאַר איך אום
מיט מיין זיגזאַגיש האַרץ אַלע איצטיגע טעג מיינע.
עס סטייעט קיין אייזערנער ווילען ניט אין מיינע אויגען דערוויל נאָך,
ווייל כ׳פאַר אויך מיט די אויגען אַרום — אַרום אויף דעם ברוק
פון צובראָכענע פּנימער אידיש־מענשליכע...

וויפיעל צובראָכענע קייטען עס ליגען און זשאַווערען שטענדיג
אונטער דער בלעכענער הויט פון צובראָכענע פּנימער!
וויפיל איינגעפאַלענע זיילען עס ליגען און פוילען
אונטער די פאַרשוועכטע קינבאַקען!
און וויפיל פאַרטריקענטע בלעטער פון ליידען און בלוט,
ליגען אויף די ליפּען די סודות׳דיגע!
די צובראָכענע פּנימער די מענשליך־אידישע,
וואָס טראָגען זיך אום אויף די אַקסלען ווי פּרעמדע,
וואָס דאַרפען שוין ניט זעהן און ניט הערען
אַלץ וואָס זעהען און הערען...
אויף פרעמדע אַקסלען...

אידישע דיכטער, אידישע פּאָעטען,
איך רוף אייך ליב האָבען דעם ברוך
פונ'ם צובראָכענעם פּנים פון אונזער מזל.
שטעלט אוועק די געלע מיסטעריעזע קלויסטערשטעקענס
צוריק אין די שטימונגספולע גויאישע ליטעראטורען,
קומט וואקלענדיג מיט מיר צום פינסטערען ווינקעל,
ליב האָבען דאָס צובראָכענע פּנים פון אונזער גורל.
ליב האָבען די פּיל־פּיסיגע שווארצע שפּינען
וואָס קריכען אונז אנטקעגען אין די אויגען אריין
פונ'ם גרויסען אייביגען קבר וואָס עפענט זיך לאַנגזאַם...
די שלאַנגען פון רחמנות־הערצער זייגען טויטע זונען
און קיין בלוט וועט זיי ניט אויפרוימען צום לעבען.
דער גרויסער קבר מוז זיך עפענען...

## שטילערהייט...

א שטילער וועג.
א שטילער יונגער וואַלד ביים זייט.
א שטילער רייטער רייט.
און רייט אוועק...
היינט וועט דורך דער שטילער קעלט
אַן ערשטער שניי זיך אויסציהען אין פעלד.
און שטילער וועט נאָך ווערען אויף דער וועלט...
און ליידיגער וועט נאָך ווערען אויף דער גרויסער וועלט...
ווייל ווען די ליידיגקייט הויבט זיך אַן אויסציהען
ווערט גרעסער נאָך און גרעסער די וועלט...

א שטילע שעה.
א שטילע פרוי אין קיך אַליין.
מאַכט ריין און שעהן
אַלץ וואָס איז דאָ:
די טעלער און די לעפעל און דעם טיש.
די שטילקייט ווערט אויף אויפגעראַמטקייט פריש,
און הויבט שוין צו וואַרטען אויפ'ן אינדערפריה;
א לייכט געקליידטע וועט זי אומגעהן, זי...
איבער'ן שטוב און ער (דאָס בין איך...)
וועט וואַרטען ביז בייטאָג, ווען זי וועט בעטען שטיל,
ער זאָל איהר צושפיליען די שיך...

## דאָס קינד.

מיין קינד, מיין קינד,—
ווי שעהן די יאָהרען טאַנצען ארום דיר,
איך טו אַ שפרונג און וויל א יאָהרעלע א כאַפּטון אויפ'ן שווס,
שפרינגט עס אַפּ פון מיר, לויפט עס אַפּ פון מיר,
און טאַנצט אין ריגנען־רינגען ארום דיר,
און לאַכט פון מיר...

מיין קינד, מיין קינד,
כ'האָב דיך פארוויגט, דו שלאָפסט, איך געה אַרום
פיר יאָהרען קינדישע, פאַרחלומ'טע ליגען נעבען דיר,
וויל איך מיין קאָפּ צום ווינגעל צושפּארען, מיט זיי, מיט דיר
פאַר'חלומ'ען, פאַר'חלומ'ען זאָל זיך מיין לעבען מיר.
לאַכען זיי פון מיר,
לאַכסטו דורכ'ן שלאָף צו מיר...

מיין קינד, מיין קינד,
דיינע שפּילצייגען שווימען אום אין מיין טרויער,
דו שלאָפסט, און זעהסט ניט ווי דאָס קליינע טישעלע דיינס
טיילט דעם אומעט מיט מיין גרויסען טיש,
די ליאַלקע דיינע ליגט אין ווינקעל אומעטיג,
און קוקט פונוויטענס צו מיר — — —
דו שלאָפסט ביי דער זייט פון מיין טרויער,
ביי א ליכטיגען ברעג...

## פון שוואַרצע נויטען.

פון טויזענט קוימענס שפּאַרט דער רויך אַרויס דעם שוים פון שוואַרצע נויטען.
צו ווייטע בערג און צייטען ציהען זיך די שאָטענס פון מיין אומצופרידענקייט,
מיט אַט־די שוואַרצע נויטען אינ׳ם רויך פון טויזענט קוימענס...
איך האָב נישט דאָס באַגער אַז עמיצער זאָל מיר דערקלערען איצט
די קלונשאַפט פון די קליינע ציפערן און פון די גרויסע ציפערן,
וואָס מאַכען ווערטפול די מיליאָנען נולען און רינגען אין אַ לאַנגער קייט
וואָס בינדט מיט פרייקייט און עשירות מיין נשמה...
דער ים וואָס האָט מיין ערד צוריסען זינגט זיין דורשטיגקייט צו מיר,
און כ׳ענטפער איהם אַז עכאָ אָפּ פון אומפאַרשטענדליכקייט...
וואָס זיינען מיינע רייד אין פאַרגלייך מיט׳ן דורשטגעזאַנג פון ים
וואָס האָט מיין ערד צושניטען אַזוי גרויזאַם קאַלט!
איך וועל אַרויס אין גאַס וואו די קינדער שפּילען זיך פאַר׳ן טאָג,
און זיי צונויפרופען. און זיי אַ שפּיל אַ נייע אויפגעבען:
לאָמיר צונויפשאַרען דאָס גרויסע שטויבזאַמד אין אַ גרויסער קופּע,
און לאָמיר פולע זשמעניעס אָננעמען און שיטען עס דער זון אין פּנים גלייך,
ביז׳ן עק אין הימעל וועלען מיר דורך אַלע גאַסען לויפען, נאָכיאָגען,
ביז מיר וועלען איהר דאָס פּנים פאַרשיטען...

## און אז גאָט...

און אז גאָט האָט מיר געשאָנקען פייער־צער אין מיינע אויגען קברים
איז מיר גאָט געווען אַ שונא — ס'ברענט דער צער נאָך נישט איננאַנצען...
אינ'ם אָווענט ווען דער טאָג ליגט שוין אין קופּעס אַש פון חושך,
צינדט זיך אָן אַ פלאַם אַ בלויער און צופליט אין קאַלטע שטערען,
הויך אין קאַלטע, ווייטע, פרעמדע הימלען — אַלטע הימלען,
שונאים־הימלען, שונאים־הימלען...
שונאים־הימלען...

גאָט איז פּעט און גראָב געוואָרען, קאָן זיך פון זיין אָרט נישט רירען,
רינט דאָס שווייס־בלוט פון זיין פעטקייט דורך די בלויסטע הימעל־רויבען,
פוילט דאָס וואַסער אין די ים'ען און די תפיסות פון מיין ערד און שמיין,
נאָר עס קאָן קיין בלוט נישט ווערען...
בלוט וואָס זאָל אַ קרבן זיין אויף פויל־און־פעטקייט פון גאָט'ס קערפּער,
און פאַרגעבען און פאַרגעבען און פאַרגעבען
אַלץ וואָס שווימט בלויז ביי דעם ברעג פון לעבען — פונ'ם לעבען...
אויף דעם זאַמד פון לעבען — פונ'ם לעבען....
אין געבעט, אין תפילה,
אין כעס, אין ליבע,
אין לייקענונג...

## נאך מיינע שיפען.

נאך די שיפען מיינע פליהען ווייסע פויגעל,
אויף די ים'ען מיינע טליען מיינע קראנקע נעכט,
און זוכען זילבער אינ'ם רויש פון וועלען,
וואס פאלט אראפ פון הויכע שטערען;
קיהלען זילבער אינ'ם רויש
פון טרויערנדיגע וועלען...

נאך די שיפען מיינע ציהען אויגען בלוטיג־רויטע,
אויף די ים'ען מיינע שווימען מיינע ווייסע טעג;
באגלייטען יעדער שיף אין ווייטען וועג
און קאנען זיך ניט שטעלען ביי קיין ברעג...
לאזען זיך צוריק אין רוימען הויכע, ווייטע,
ציהען זיך צום זילבער פון די שטערען...

נאך די שיפען מיינע לויפט א ווינט מיט טרערען,
אויף די ים'ען מיינע רוישט מיין מיד געמיט;
וויגט זיך אום אין כוואליענדיגע קנוילען,
טונקעלט זיך אין שרעק פון גרינע אפגרונט־גרוילען,
אקערט דורך דאס גרויסע וואסערפעלד
ביז ס'קומט דער אווענט—
דרימעלט מין געמיט אין שיין
פון אויפגעפיקטע שטערען,
אין קיהלען זילבער...

## די בלינדע.

די בלינדע, מיינע בלינדע, טויטע בלינדע גייסטער
די בלינדע פון מיין ערד, וואָס בליהט מיט פוילע גראָזען
אין שטיינערינגער אייביגקייט די בלינדע גייסטער מיינע,
מיינע בלינדע אויף דער וועלט,
איך וועק זיי און דערוועק זיי פונ'ם שטיין און חושך,—
קריכען זיי פון מיין ערד ארוים...

זעץ איך זיך מיט זיי אַוועק — א בלינדער בעטלער
טאַפּ איך מיינע אויגען מיט די הענט וואָס ציטערן,
הויבט זיך אָן פון מיינע אויגען שיטען
שטיינעריגער זאמד און שטיקלעך ערד.
שטופּ איך טיפער מיינע פינגער אין די אויגענלעכער
טאַפּ איך ווייכע קאַלטע ווערים אָן...

די בלינדע, מיינע בלינדע, טויטע בלינדע,
זיצען שווייגענדיג אויף מיין ערד.
עפען איך מיין מויל און וויל וואָס זאָגען,
שיטען קליינע שטיינדלעך פון מיין מויל זיך אויס
און פאַלען מיט א טרוקען קלאַפּען אָפּ
און קייקלען זיך ווי פון א קיילעכדיגען קאָפּ אראָפּ
אין דער בלינדקייט פון א תהום.
קייקלען זיי זיך בלוי אראָפּ,
בלוי־קאַלט אראָפּ...

## געבראָטען פלייש.

1

און ווידער דאָס אייגענע—
די גלידער דיינע פון דער פּלייצע ביז'ן פוסטראָט.—
רונד און גלוטיג, בלוטיג־רופענדיג די הייסע ברייטקייט
פון געניס און איבערפלוס פון עסען און פון שלאָפען,
און פון אָפּגעבען די קראַפט פון די געזונטע פיס דיינע.
(שעהנע, קיילעכדיגע פיבערדיגע פיס.)
ארום א מענערשען ביינעריגען גוף.

און אין דער פליישיגקייט פון דיינע אויגען,
אין דער אָקסישקייט פון דיין רוקען,
אין דער וואָלפישקייט פון דיינע אָרעמס;
אין אַלע אברים דיינע איז די פּרימיטיווע פרייד
פון בוימער און פון שטיינער אינמיטען טייכען
פון פעטע בלאָטעס איבער ליימיגער ערד
ביים ראַנד פון פעלדער...

די ביינער מיינע פלאַקערען קראַנק מיט אימפּעט
אַלע חרפּות פאַלען, פון דיין פאַסיווען דורכגעהן מיר,
שטרעקסט רייצענדיגער דעם בוזים אויס פאַרויס צו מיר
און נעמסט מיר דורך פלאַמיג...
בלייבט הינטער דיר א ריח פון אָקסענפלייש
וואָס בראָט זיך אויף א פריי־צולייגטען פייער אינמיטען פעלד,
און ווייסע מויבען שוועבעי ארום די פלאַמען...

## 2

אוּן ווידער דאָס אייגענע—
כ'האָב ניט געקאָנט איינגאַנצען מיט'ן גוף דיך האָבען.
אַזוי זיך איינטומאַה'ן אין דיר, זיך איינתהום'ען אין דיין גוף
אוּן גלוטיג דורכפילען דעם ווידערפלוס פון מיינע בלוטען
דורך הויכע ווייסע בערג וואָס שיינען שניי־גלוויביג
אַריבער דער נשמה דער פאַרוואַלקענטער, דער פאַרשאַלטענער,—
כ'האָב ניט געקאָנט, ניט געקאָנט.

האָסטו זיך ווען־ניט־ווען צו מיר געטוליעט בלויז,
אוּן שטאַרקער צוגעדריקט די צוגעדעקטע פרוויליך־מיידעלשע בריסט דיינע
צו מיין פלייצע (און געוואַרעמט די צועפענטע וואונדען.)
די לאָדען זיינען געווען פאַרמאַכט בייטאָג
אוּן ניט געזעהן האָט קיינער, ניט געוואוסט האָט קיינער
ווען דו האָסט, איינגעמידט פון קראַנקער לוסט צו מיר,
געלאָזט איך זאָל דיך אַנרירען די האַנט די פולע ביין נאַקעטען אַקסל,
געלאָזט די ליפען מיינע טריקענע אויף דיין פייער
וואָס האָט אָהן ליכט אַרום מיר געברענט...

אידיליע... אידיליע מיט גיהנומפלאַמען!
ביזט שוין נישטאָ און איך ליג שוין פאַרפלאַמט,
מיין שאַרבען איז אָפּגעדעקט אַנטקעגען דער צוקונפט,
און ס'קריכען פון מיין מח קליינע בלישטשענדע גאָלדענע ווערים...
זיי קריכען און זוכען אום א טראָפּען בלוט, א טראָפּען שוויים
וואָס איז פון דיר אַמאָל צו מיר אַריבער,
אומגעריכט... ניטוווילענדיג... ניטפילענדיג... ניטקילענדיג...

## צו ע. ש.

דו רעדסט געציילטע ווערטער,
דו קוקסט אויף מיר מיט אומענדליכער גוטסקייט,
און דיין קינדיש־מיידעלשער האלב־אנטוויקעלטער קערפער,
פיהלט זיך שולדיג קעגען מיר... שעמט זיך פאר מיר.
נישט אָפען איז פאר מיר דער קוואל פון דיינע לוסטען,
און איך גאר איהם ניט צו עפענען אפילו...
נישט קלאָר איז מיר דיין קינדישער אומעט
אויף די כמורנע ברעמען דיינע,
און איך וויל איהם זיך ניט קלאָר מאַכען...

די פרויען און מיידען מיט אָפענע לוסטען און צעוואַקסענע בריסט,—
מיט הייסען שימעל שוויסט די ליבע זייערע צו מיר,
און ס'ווערט מיין ליבע מיט רויביגקייט פארגרויט.
דו ביזט אזוי פרעמד פון זיי,
און שטיל ווי לבנה־ליכט אין מערץ־נעכט
איז דיין הארץ וואו דיין ליבע לעבט פאר מיר,
גוטע, ליבע פערצעניעריגע ע. ש.
דו פאָרסט אוועק,—
פאָר געזונט!
דו קומסט צוריק,—
קום געזונט!
דו ביזט דאָך נאָך אזוי פיל קינדיש־סודות'דיג
און אז דיין בענקשאַפט וועט אָנקומען צו מיר פאַרנאַכט,
וועט זי זיך טוליען צו מיין בענקשאַפט פאַרלאָרען,
א קילער זילבעריגער לייכטער שניי וועט פליהען פונ'ם הימעל
א ווייס ריין ליכט וועט פאַלען איבער מיין וועה...

## אריינגעהן..

אריינגעהן און זיך וויזען און א שמייכעל טון
מיט א האלבען פרעמדען פנים
און ארויסגעהן אומבאקאנט...
אזוי בין איך זיך נוהג,
אזוי פיהר איך זיך...

וויסט מען יא ווער ס'איז געוועזען,
וויסט מען ניט ווער ס'האט די שוועל באטראטען;—
איך פארגעס דאך אויכ'עט יעדען פנים וואס איך זעה,
יעדען בליק וואס זוכט אויף מיר
די היימישקייט אויף די קליידער...
די נאהענטקייט אין גאנג...

מיט מיין מומערם לעצטע יארען
דערנענטערט מיין לעבען זיך צום בית עולם.
פון אלע איהרע קינדער בין איך דער נאהנטסטער
צו דעם פארוועלקטען גראז פון איהרע יארען...
איך וועלק אין דעם גראז פון איהרע יארען
ווי אנ'איינזאמער בוים,
זי זעהט מיך ניט
איך בין פארמישט, ווי א שאטען, אין איהר גרויקייט...

## פארנארטע...

אינמיטען אווענט. בלויענדיגע אויגען פון אלע זייטען — אווענטליכט...
פארנארטע אין א היימישער שטילקייט אריין
זיינען מיר געזעסען — איך, די פרוי מיינע און א פריינט
א יונגער דיכטער, א נאהנטער.
און מ'האט גערעדט פון זיך... און פון אנדערע,
און פון דער וועלט און פון יענער וועלט...
און איך האב אין געשפרעך דערפילט
די רייד וואס נארען זיך אריין פון איינעם צו דעם צווייטען...
און איך האב אויפגעהערט אינגאנצען רעדען.
געדרימעלט האט אין מיר מיין פלאקערדיג באוואוסטזיין,
און ס'האט דאס נארעריי פון טאג אין אווענט אריין
בולט זיך אוועקגעשטעלט פאר מיר און כ'האב געזעהן...
טאג אין אווענט — א דינע ווייסע ליניע...
טאג אין אווענט — א בלויער שיין אויף דער ווייסער ליניע...
עס האט דער דיכטער לאנג געשמועסט נאך מיט מיין פרוי,
און פרעמד איז מיר מיין פרוי געווען שוין,
און פרעמדער נאך דער יונגער דיכטער...
און איך — א שטומער מענש..
א טויבער מענש...
א פרעמדער...
מענש!
מענש אין דער הוילער וועלט אריין!

## מיין טויטער טאטע.

אין דעם געשריי פון גאסען כעס׳יגע פאלט מיין טאג צו דר׳ערד
און הויבט זיך אויף א רגע אינ׳ם רויש און פאלט צוריק.
אינ׳ם געשריי פון די גאסען בויע איך א ווייסען בריק
צו דיר אין דיינע רוהיג־רייכע הויכע נעכט...
איך קום און שטעל אוועק זיך ביי דיין בעט און שווייג.
דו שלאפסט און רירסט ניט מיט קיין גליד;
איך ווייס אז דו ביזט מיד,
און קאנסט נישט אויפמאכען דיין האנט, דיין אויג,
און זעהן אז איך בין דא, נאך אזא שווארצער צייט,
פון אזא שווארצער שפעטער ווייטער ווייט
געקומען זעהן דיין רוה, דיין רוה אויף טויטער צייט...

אינ׳ם געשריי פון גאסען זעה איך דיך אמאל אליין
ביים זייט פון אלע פארבען, רוישען, פאנען אלערליי.
איך ווייס אז דו ביזט ניט מיט מיר און ניט מיט זיי...
אז דו וועסט ווייטער אומבאמערקט פון אלעמען פארגעהן,
און וועסט פארשווינדען אומבאמערקט פונ׳ם געשריי,
פונ׳ם געוועה. איך וועל זיך אומקוקען פארגאפט;
פון אזא ווילדער בלינד־צומישטער קראפט
וועל איך זיך נאכיאגען נאך דיר:
ביזט דאך געקומען צוליב מיר,—?
און עפעס האסטו דאך פאר מיר געבראכט—?
אט, ס׳וואלט געדויערט א מינוט, אן איינציגע מינוט,
און ס׳וואלט דעם רויש דעם גאנצען איינגעזאפט מיין בלוט
און כ׳וואלט צו דיר געלאכט, געלאכט... געלאכט...

## תפילות.

פארטרוקענטע תפילות אין מיר, אין מיר, שווער אין מיר.
איך האב געוואלט בעטען אזויפיל מאל צו גאט,
און נישט געבעטען. נישט געפונען די ווערטער צו בעטען.—
זיינען די תפילות פארטרוקענט אין הארצען געווארען.
איצט ווארף איך זיי ארויס ווי פארוועלקטע בלעטער
אויפ׳ן מיטען וועג פון דער וועלט.

נישט אויסגעבעטען גארנישט ביי גאט.
נישט לאזען נאך זיך גארנישט פאר גאט.
פון די טויאיגסטע רעגענס האט גארנישט געבליהט פאר מיר.
און איבער נאקעטע פעלדער איז אומגעקראכען מיין מורא.
אז אנגעצונדענע אינ׳ם טויטס האלוצינאציעס...

ביים לעצטען אפגעהאקטען בוים ביים ברעג פון מיין וועלט
וועל איך אויפבויען מיין קאלטען פאלאץ פון גלייכגילטיגקייט.
די ארויסגעשטופטע פון אלע תאוה׳ס און חכמות.
די אויסגעטוענע פון עלאסטישע הויטען.
די מיט הוילע הערצער און מיט הוילע הענט.
מיט הוילע אויגען. הוילע ליפען
וועל איך רופען צו זיך:
צו זיך, צו דעם אויסגעהאקטען בוים
ביי מיין פאלאץ פון גלייכגילטיגקייט...

# טעג.

ווי די הינט די טעג, ווי די הינט,
ווי די זינד די טעג, ווי די זינד,
געהען אַפּ פון מיר אַן א זייט און בילען, האַווקען,
מיט רויטע אָנגעצונדענע אויגען כעס'ען זיי אויף מיר.—
ווער איך דען ניט איינזאַמער מיט זייער טויט דורך מיר,
ווער איך דען ניט פינסטערער מיט זייער טויט דורך מיר...

ווי דער ווינט די טעג, ווי דער ווינט,
פונ'ם הימעל רינט, רינט און רינט.
רינט דער אומעט פון גאָט'ס הארץ אויף מיר,
טריפט דער טרויער פון גאָט'ס זעל אויף מיר,
ווער איך בליציג א מינוט און באַלד פאַרפינסטער איך:
בליץ איך אַפּ א ווייל און פינסטער אייביגקייטען...

ווייַ־און ווינד די טעג, וויי און ווינד.
אָרים איז מיין קינד, עלענט איז מיין קינד,
ניט איך ווייס ווי אזוי איך זאָל א טאַטע זיין,
ניט איך קאַן נעבען איהר וויגעל איינשלאָפען...
ליגט זי דאָרט אין צימער איינאַליין און שלאָפט,
אַהן מיין אויג אויף זיך, אַהן מיין הארץ אין זיך,
און די פרוי איז אין קינאָמאַטאָגראַף...

## שולדיגקייט.

כ'בין איינגעטונקען אין א בלוטענדיגער שולד.
און וויל פון איהר זיך ניט ארויסרייסען...
כ'האב בלוט וואס קילט אין שולדען זיך אוים אלץ לויטערער,
און כ'וויל מיין בלוט זיין קיהלער — קיהלער זיין און לויטערער.
און ריינער ריידען דורך דער דיקער הויט פון זינד,
וואס וואקסט אויף מיר אלץ שווערער אז...

איך צאל נישט קיינעם און איך גיב נישט קיינעם
וואס איך דארף און בין באפוילען געבען.
אלץ ליגט ביי מיר און פוילט און געהט לאיבוד שטענדיג,
איך דארף עס ניט, איך נוץ עס ניט!
נאר כ'האב ליב אז ס'פוילט אין מיר און ארום מיר און איבער מיר,
דאס לעבען פון אנדערע, פון ווייטערע,
פון קיינעם־ניט־שולדיגע...

פרעג מיך ניט!—
איך האב פאר קיין זאך און פאר קיינעם ניט קיין ענטפער,
זיך אליין פארשטום איך מיט דעם הילפלאזען געוואלד,
אהן ווערטער און אהן קלאנגען און אהן שטערען...
זיך אליין פארזעץ איך אין א ווינקעל,
און פארשפאר זיך אין דערפינסטער,
רייס איך שטיקער פונ'ם הימעל אינדערפינסטער;
צוגראב אויף קברים די גאנצע ערד אינדערפינסטער
און אלע פאלען אום, פאלען אום,
פאלען אריין אין די גריבער,
און קומען נישט ארוים צוריק...

# קברים.

פרעמדע ביינער, פרעמדע שארבענס, פרעמדע קנאכען,
איהר ברענט אין מיר מיט אייער שוועבעל,
וואס איז שוין לאנג אין ליכט פון טאג נישטא.
איך גליה מיט אייער פייער אוים,
איך טרויער אין אייך אונטער דער ערד,
און איהר אין מיר — אונטער'ן הימעל.

דאס שפיל פון קינדער וואקסט,
דאס שפיל פון קינד'ער בליהט,
דאס שפיל פון קינדער וואקסט אריבער אלטע גרויע קעפ:
בליהט און פלאנטערט זיך אין טונקעלע זקנים־אויגען,
און פליהט הויך איבער די אלטע יארען
וואס וויסען ניט ווי צו פליהען,
וואו זיך אפצושטעלען,
וואו די רוה בענשט...

איך האב אויפגעהערט צו וואקסען אין דער וועלט,
איך ציה זיך הויך אריבער אין מיין שפיל,
וואקס אריבער אלע קינדערשפילען,
איבער די גרויע אלטע קעפ...

וואקס איך אין מיין שפיל אריבער,
איבער דער גלאנצענדיגער אלטער גרויקייט
פון דער וועלט...

## זומער.

אַט ליג איך היינט ווי נעכטען אויף די שאָטענס פונ׳ם אָוונט.
און איך שטאַרב אין שלאָף אַריין פון מידען שעה׳ן טאָג.
און ניט איך רוף פון זיך אַרוים חלומות,
און ניט איך שיק חלומות עמיצען אין נאַכט אַריין.
אין אָוונט בין איך מיד צו די געטרייסטע טרייסטענדיגע רייד,
ס׳איז אַזאַ הייסער זומער היינט אין שטאָט,
און די אָוונטען זיינען קורץ און קליין...

אויף מיין קראַנקען לעבען הענגען הערבסטגאָלדענע בלעטער,
לעבערדיגע דורכגעגעסענע — אין אָוונט איצטער
באַקומען זיי אַזאַ מין שטיקענדיגען ריח,
דאָס גאַנצע לעבען מיינס באַקומט אַ שטיקענדיגען ריח,
ווי עס וואָלט געהיים־געברענט מיט טונקעלע פלאַמען,
וואָס האָבען מורא פאַר לופטפרייקייט
פאַר וועלט און זון און לבנה.

אַט שטאַרב איך אַריין אין פינסטערן שלאָף מיינעם,
ביי מיינע פיס ליגען מיינע מידע קליידער,
ביי מיין קאָפּ ליגט אַ מידער צוגעמאַכטער בוך.
ווער האָט אַראָפּגעשלעפּט פון מיר די קליידער מיינע?
ווער האָט אויסגעריסען פון מיין האַנט דאָס בוך און עס פאַרמאַכט?
אַך! דער זומער קלעטערט טאָג און נאַכט אויף די מוירען,
און רייצט די זון אויף אַזוי שרעקליך,
און די לבנה רייצט ער אויך אויף,
ברענט די זון און פייערט,
און די לבנה אויך.

ס'איז נאכטיג־שווער.
איך אטעם טויט־לעבען ארויס.
איך חלום טויטע חלומות ארויס...
צוויי קליינע קינדערשע פיסלעך קריכען מיר אין בויך.
א קעפעל טוליעט זיך צו מיין פנים.
און מען לויפט און מען רוישט — — — —
א צו־גרויסע הייסע זון איז ארויס אויף דער וועלט.
אנטלויפען אלע פון דער גרויסער זון.
שרייט מען צו דער נאכט:
אהער! אהער נאכט!
אהער, נאכט! אהער, נאכט!
די גאנצע נאכט איז ביי מיר — — — —
און אלע לויפען מיר פארביי.
און מיר איז נאכטיג־שווער — — — — — — — —
מיט דער גאנצער נאכט אויף זיך רייס איך זיך.
צו דער גרויסער פייעריגער זון רייס איך זיך.
נאר מיר איז אזוי נאכטיג־שווער.
און איך בין אזוי טיף פארשטארבען אין דער פינסטערניש
און קאן ניט אויפרירען מיין לעבען...

## אויף מיין ברודערס פארם.

פון די עטליכע בוימער ארום מיין ברודערס פארמהויז ווערט מיר אזוי טרויעריג—
דער הערבסט וויל זיך צו זיי נישט צורירען אפילו — זיי גרינען נאך.
זיי זיינען שוין מסתמא עלטער פון די טויטע יארען פון מיין פאטער
וואס בלאנקען אום ארום די לעבעדיגע יארען מיינע שטענדיג.
איך האב צו מיין ברודער אנומעלטען געזאגט (ער איז אומגעגאנגען וויסט
און האט געשארט די הארטקייט פון דער ערד אונטער די טריט,
דער מידער ברודער מיינער, ווי נאאיוו זיין מידקייט מאכט איהם!):
נחמיה, פארוואס ווייגט אזוי דיין פערד א גאנצע נאכט אין שטאל?
איך האב די נאכט ניט איינשלאפען געקאנט דורכדעם;
פארוואס איז דא אזא מין אומעט אינ׳ם קריי פון דיין האן פרימארגען
און די בהמה׳ס דיינע פונ׳ם שטאל ארויס רופען אזוי פארצווייפעלט?
און מיין ברודער האט געשווינען און נישט געהאט קיין כח מיר צו ענטפערן
און נישט געהאט קיין גייסט מיר צו דערקלערען.
וואו איז דיין גייסט, נחמיה? האב איך איהם געפרעגט שטיל.
— אינ׳ם געוויין פון מיין קוה און אינ׳ם קריי פון מיין הון,
און אינ׳ם קילען פארדרוס פון דעם שמאלען טייך מיינעם אט דארט
אנטקעגען די הינטערשטע פענסטער פון מיין הויז.

די עטליכע בוימער אויף מיין ברודערס פארם ווערקען שוין...
איך בין היינט אינדערפריה ארויסגעגאנגען און דערזעהן זיי,
האבען מיך זייערע וועלקענדיגע צווייגען אפגעפרישט
און איך האב א גאנצען טאג געהאלפען מיין ברודער זיך ווארימען
אין די זכרונות פון דער השכלה־צייט וואו זיין בית־מדרש־יוגענט
האט צובליהט זיך מיט משונה״דיגע שפיציגע בלעטער...
איבער די שארפע מוחות פון מענדעלסאן און סמאלענסקי !...

## אין די שמאָלע גאַסען...

אין די שמאָלע גאַסען פון דער שטאָט בייגאַכט.
זעהט די שמאָלקייט אַז זיך נאָהנט, נאָהענט...
די שטיינעריגע שטיבער דערפילען זיך שטיינעריג,
און די בלינדע פענסטער גלאַנצען טיף אין זיך אַליין...
און אַליץ וואָס האָט בלויז פאַר אַנ'עכאָ־קלאַנג געדינט,
אינ'ם געדויש פון טאָג, דערכאַפט זיין נשמה...
געהט אַנ'איינציגער פאַרשפעטיגטער מענש,
שלינגט דער טראָטואַר קלאָר די טריט פון זיינע פיס,
און האָט הנאה און ער דיבעט אַפּ געשמאַק...
פאָרט א טראַמוויי דורך, הערט די גאַנצע שטאָט,
די ווייטסטע גאַסען ווייסען אַז א טראַמוויי איז דורכגעפאָרען...
און פונאויבען אפילו דער האַלבפּרעמדער הימעל
ווייסט אַז א טראַמוויי איז דורכגעפאָרען...
עפּעס בליהט פון דער שטילקייט אויף די טעלעגראַפּדראַטען,
עפּעס גרינס און גראַזיגס גנב'עט זיך פון הינטערגאַסען
אין דער שטאָט אריין בייגאַכט...

# עס שמעקט.

יעדער אינדערפריה שמעקט פריש
מיט נייע געבארענע מענשען...
מיט ניי־געקומענע קינדער שעהנע
האלב־אפענע אויגלעך שניידט דער טאג אויף,—
זיי זאלען איהם דערזעהן אינגאנצען,
און דערפיהלען די וועלט, די גרויסע וועלט,
וואס שטעהט אפען פריי פון זינט זי איז באשאפען געווארען,
דורך דער פינסטערניש און ליכטיגקייט...
פון אלע פענסטער קוקען נייע פנימער,
אפילו אלט־באקאנטע קוקען נאאיוו פון נאכטרוה,
ווילט זיך מיר צו יעדען צוגעהן און פרעגען:
האסטו אויך א קינד אין הויז ביי זיך היינט אינדערפריה?
אלע שטיבער האבען קליינע קינדער אינדערפריה,
יעדען אינדערפריה...

## מיינע פויגעלטעג.

פויגעלטעג, פויגעלטעג, מיינע פויגעלטעג.
אין אזעלכע ענגע רוימען,
און אין אזא שמאלען וועג,—
צוימט זיך, קארטשעט איין זיך מיינע ווילדע טרוימען!—
איך בין שוין געווען ביים סאמע ברעג
און אצינד צום מיטען אנגעקומען,—
מיינע פויגעלטעג.
טוט זיך נאקעט אוים צוריק און לעגט זיך שלאפען,
ביז די שמאלע רוימען וועלען ווערען אפען...
ביז דער ענגער וועג וועט ווערען ברייטער
און די זון וועט אויפגעהן רויטער, בלוטיגער און רויטער—
מיינע פויגעלטעג, פויגעלטעג.

פויגעלטעג, פויגעלטעג, מיינע פויגעלטעג.
אין אזא מטושטש שיין,
דארף מען זיך נישט יאגען נאך די קליינע פונקען
און די צווייפעלהאפטע, נעבעלדיגע רויע ווייטען...
איך בין שוין אין יעדען ווייט געווען,
זיך לעשענדיגע פונקען בלויז געזעהן,—
מיינע פויגעלטעג...
ליגט און רוהט זיך אוים אייערע פליגעל!
ביז דורך אלע נעפלען וועט ווי קלארער שפיגעל
זיך דער הימעל נאך א רויטער זון באווייזען
וועט זילבער אויפקלינגען דורך שטאל, וועט קלינגען גאלד דורך אייזען,
וועט איהר דאן ערוואכען, וועט איהר דאן צופליהען,—
מינע פויגעלטעג, פויגעלטעג...
הויך, הויך וועט איהר צופליהען.

## פאַלט...

פאַלט אַ שיין פון אַלטע פייערן אין מיין שוואַרצקייט,
כ'גיב אַוועק די היינטיגע טעג בלויז נעכטיגע חלומות.
וואָס מאָרגען קומט ווייס איך אַליין נאָך ווייניק
כאָטש איך פיהל אַזויפיל אומגליקען
וואָס געהען אויף מיר...

פאַלט אַ געלע בלאַט פון יעדען טאָג אויף מיין קאָפ
בלייבט זי ליגען ביז איך נעכטיג איבער מיין שלאָף
אינדערפריה וועבט דער שיין פון טאָג אַראָפ דאָס בלאַט
פאַלט די מידקייט פון מיינע אברים אָפ אַשיג
אויף דער אויפגעפרייטקייט פון דער וועלט.
טאָג אין קייטען זילבערנע אין גאָלדענע שפאַנט
שפאַנט טריט ביי טריט מיט מיר.

געוואויגען און געמאָסטען געהען מיינע וואונשען אָפ אַראָפּ־אַראָפּ
אין וואַלד פון נעכטען איז נאָך עטוואָס ליכטיג ביי מיר
אין וואַלד פון אייערנעכטיג רויטיגען מינוטען־פונקען
און פליהען אַ רגע אויף און פאַלען צוריק
צו ערד אַראָפּ...

פאַלט, פאַלט!
איך פאַל אויך מיט האַסט צו אייך
איך פאַל מיט הימלען און מיט ערדען,
איך פאַל מיט גרויסע פלעקען זון
און גרויסע פלעקען נאַכט אויף אַלעמען אַרויף
און וועל זיין דער שוץ אויף אַלץ...

## ווערים.

טויט ווערים עסען געדאַנקען רויטע, מיינע רויטע,
טויט־ווערים עסען אויף געדאַנקען שוואַרצע, מיינע שוואַרצע,
טויט־ווערים פרעסען אויף מיינע געדאַנקען
איידער נאָך זיי ווערען רויטרייף, שוואַרצרייף,
נאָך אין רויער וואַרימקייט.

מיט צובראָכענע פליגלען לעב איך
אויף די גרויסע פליגלען פון מיין גרויסען טויט,
וואָס האָב איך שוין אויף די פליגעל פון מיין טויט
ניט אַנגעוואָרפען, ניט אַנגעשליידערט!
און ער פיהלט נאָך נישט קיין וואָג.
שוועבט ער, טראָגט ער מיך
וואוהין עס קאָן נאָר אַנקלאַפּען א טאָג...

איבער די קראַנקע געדאַנקען מיינע
ייייסט א ווייסקייט זיך א טרייסטענדיגע.
געדאַנקען ווערען ניט דערלייזט נאָר פאַרשפּיגען מיט געפילען
פון אומגליקליכע פיליסטער,
וואָס פירען די וועלט אויף די גומינע רעדער פון פּראָגרעס,
צו דער צוקונפט פון דער פאַרגאַנגענהייט...
טויט־ווערים פרעסען מיינע געדאַנקען,
קאָן איך קוים דערקומען צו זייער גאַנצקייט,
און זיי אָוועקכאַפּען און ראַטעווען אין האַרצען....

## צו ל.

יעדע נאַכט בין איך דיין גוטער שומר,
און די נאַכט אַנטלויפט, אַנטרינט;
שטילע בוימער, גוטע בוימער.
שטיל און גוט צו יעדען ווינט.

אַז עס ברעכען אַפּ זיך צווייגען
שלינגט דיין שטומקייט איין דעם בראָך;
און דורך גוטסקייט פון דיין שווייגען,
וואַקסען צווייגען מעהרער נאָך...

איך בין יעדע נאַכט דיין שומר,
נאָר איך האַלט מיין האַרץ פאַרמאַכט;
אַז עס שווייגען טיף די בוימער,
מעג איך זיין אין זיך פאַרטראַכט...

וועלכע בוימער? וואָס'ערע בוימער?
ווער האָט פּלוצלינג אויסגעטראַכט?
שאַ, ס'איז דאָ אַזעלכע בוימער,
וואָס פון זיי שפּראָצט אויף מיין נאַכט...

ס'רינט די פינסטערניש פון צווייגען
און צעוועהט זיך ווי אַ ווינט...
דורך דער גוטסקייט פון דיין שווייגען
ווער איך ריין פון מיינע זינד...

## נאַכטלאָמפּען.

זשומענדיגע נאַכטלאָמפּען פון איינגעשטילטע גאַסען
ווייזען מיר אַזויפיל נייע וועגען, נייע שטעגען אוועקצובלאָנדזשען:
וועל איך דורך זיי אָנקומען אין אַנ'אַנדער וועלט,
און נישט געדענקען מער אין בלוט מיינעם,
וואו און וואס איך בין געווען.

זשומען צו מיר די נאַכטלאָמפּען:
מיר האָבען צוליב דיר פאַרשלעפּערט אַלע פייער קינדער פון דער שטאָט,
די פייערצינדער און די פייערפליהער און די פייערשפּריצער,
און די אַקראָבאַטישע רויכענבלאָזער,
נעם צונויף דיין ביסעל אַש און כח און אַנטלויף,
וואוהין מיר ווייזען דיר, וואוהין מיר פיהרען דיך.

קאָן איך מיט די נאַכטלאָמפּען פון די גאַסען ניט געהן,
איינגעפּלאָנטערט בין איך אין די שאָטענס
פון אַלע אויסגעלאָשענע פייערען.
מיין ביסעל אַש קאָן איך פון שטיינבאָדען ניט אויפהויבען
און נישט צונויפנעמען דערוויילע...

אין די קליינע לעמפּלעך וועלכע צאַנקען אין די שטיבער,
איז מיין אַש צעוועהט, איז מיין אַש צוזייט...
און די ווענט וואס שיינען פון די קליינע לעמפּלעך,
זיינען מצבות יעדע נאַכט,
איך וועל מיין אַש פון די מצבות ניט אוועקנעמען דערוויילע,
ס'איז נאָך צו פריה, צו פריה.

## צו א געזונטער פרוי א נאָכגיביגער.

ס'איז גוט וואס איך דערצייל דיר האַלבע אמת'ען.
גוט וואס איך צינד־אָן מינוטענווייז די אויגען דיינע
און כ'ציה ארויס פון דיר די שענקייט פון דיין סוד,
מיט מיינע תאווה־פייעריגע רייד.

וואס פארשטעלסטו דעם לאָמפּ מיט די הענט?
קוקסט אויף מיר און דיינע געדאנקען שלאָגען זיך אַן מיינע אַפּ.
און פאלען הילפלאָזע ארונטער...
ווילסט די אייזערנע קייטען אראָפּנעמען פון מיר,
און זעהן מיך טאַנצען פריי פאַר דיר מיט הינטישע האוואיעס.
הילפלאָז פאלען די געדאנקען דיינע ארונטער.

איך נעם אינגאַנצען דיך אריין אין זיך,
און שטיק זיך, ווי פון רויך, מיט דיין געזונטקייט.
דו האָסט ליב מיט בלוטיגען לוסט מיין בלייכקייט,
מיין שעהנע, טויטליך־שעהנע בלייכקייט,
מיינע וואולגארע קינדישע רייד...

איך האָב ליב דאָס רויטע בלינדע בלוט דיינס,
און מיינע זיגזאג־בליקען רוהען אַפּ זיך שטענדיג
אויף דער בלענדענדיגער רונדקייט פון דיינע נאקעטע גלידער.
דיינע פולע בריסט הויבען זיך ארויף אראָפּ, ארויף־אראָפּ.
רוהט מיין קאָפּ אויף זיי... טראָגט זיך מיין קאָפּ אויף זיי,
אין רער ווייטער וועלט אוועק...

# קאַלט.

די נאַכט רוישט שאַרפער פונם טאָג אויף מיינע נעפּעלטרעפּ.—
ווער געהט און דרעהט זיך דורך מיין בעט בשעת איך כאַפּ זיך אויף?
איך מערק ניט ווי די שאָטענס ווייכען־אַפּ מיט האַסט.
ווי מיך מיין זינען פאַלט צוריק, א גרוביגע שווארצקייט טוט א בליץ,
און ס'וויקעלט מיך די שווארצקייט איין און וויקעלט אויס צוריק.
רייבען זיך די אויגען מיינע אויס. איך שלאָף שוין ניט.
אינמיטען נאַכט איז איצט, טיף אינמיטען נאַכט.
די האַרטקייט פון מיין קאָפּ אויף ווייכע קישען,
די האַרטקייט פון מיין האַרץ אין ווייכער פינסטערניש פון טיפער מיטנאַכט.
אַלע שאָטענס פון די ווענט אַז וועלכע כ'האָב זיך אנגעשפּאַרט,
זיי קומען איצט און וויקלען איין מיין גאַנצע עלענטקייט
אין זייער עלענטער קאַלטקייט.
מיר איז אזוי קאַלט... אזוי קאַלט...

איך האָב נישט קיין באַגער צו זעהן עפּעס אצינד,
ווי פון א גרויסען ליגען טראַכט איצט פון יעדער שיין
וואס כ'האָב באַגעגענט מיט די אויגען מיינע ביז אצינד...
נישטאָ קיין פענסטער אין מיין הויז, ס'א ליגען!
די נאַכטוועלט שטעהט ווייט פון מיר, געהט ערגעץ ווייט אַרום
און לעשט זיך... לעשט זיך געהענדיג.

איך ליג אזוי נידעריג, נידעריג אזוי און זיכער,
און ס'שטאַרקט זיך שווארצער אַלץ די קעלט און מיר...

## אמאָל.

אמאָל, ווען ס'שטעהט אינמיטען וועג דער זומער נאָר און שיינט,
און מיט דער וועלט איז נישט געשעהן קיין זאַך דורך ווינט אפילו,
ווערט דער הימעל בלוי און קאַלט און ווינטעריג פאַר מיר,
און ס'שטעלט זיך אַפּ דאָס מינענדיגע שפּיל פון בליהען אין דער לופט.
מ'ווייסט דאָך, אַז אַלצדינג וואָס שפּראָצט פון דר'ערד ארויס
און רייסט זיך אין דער לופט — איז בלויז א שאָטענדיגער אימפּעט
פון יענע שפּראָצונגען וואָס פליהען פויגעלדיג ארום עטער,
ארום דעם שטענדיג הענגענדיגען זונענגייסט, זונענשיין...
אינאמת'ן קאָן דאָך דאָס בלומענגראָז נאָר אויפלייכטען העל
אויפ'ן צונג פון דעם אַקס וואָס איז אויסגעהונגערט.—
נאָר ווער קאָן דאָס זעהן? ווער קאָן דאָס זעהן?!
ווערט קאַלט דערפאַר פאַר מיר דער הימעל אינמיטען זומערדרייץ.
טעג שפּילען זיך מיט גרינע פייערלעך־פלעמלעך,
נעכט שפּילען זיך מיט בלויע פייערלעך־פלעמלעך,
אונטער א קאַלטען ווינטערדיגען הימעל...

אונטער א קאַלטען ווינטערהימעל און אויף א גרינער זומערערד
רוגז'ן זיך מיינע טויזענט אויגען אין מיין האַרץ.
זיי קוקען מעלאַנכאַליש־מיד אויף אַלץ און אַלץ,
און אין א טונקעל־גרינליכען טומאַן געהען אום און אום
אַנגעבלאָזענע ברואים: מענשען, בערען און אַקסען.
פאַרוועלקטער הערבסט איז אין דער לופט, אינמיטען ערד און הימעל,
פאַרגליווערטער ווינטער און אין הויכען הימעל
און פוילער הייסער זומער איז אויף דער ערד,
אין איין טאָג אזוי אין איין טאָג בלויז...

## בײַ דער רעכטער זײַט.

בײַ גאָט'ס רעכטער האַנט שימעלט גרוי זײַן אַנהויב.
דאָס מעשה־בראשית בוך ליגט געל און אײַנגעפּלעקט...
בּרודנע וואַסערען אויף וואַסערען קײַקלען זיך.
זוײַגט ער מיט די אויגען אוים די געלע לײדיגקײט
און דעם גרויען בּרוד פון די וואַסערען.
רוקט זיך פון די טיפענישען אַ גרינקײט.
זוײַגט ער מיט די אויגען אוים די גרינקײט.
ווערען זײַנע אויגען בלוי־צופרעהט.
בּלענדיגקײט פון לויטערע קאַלירען.
קאַלירען. — אַלערלײ בּלויע קאַלירען!
רוקט אַ קאָפּ זיך פון די טיפענישען.
אַ האָר־בּאַוואַקסענער קאָפּ — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

זיצט גאָט מיט צוגעמאַכטע אויגען אויף זײַן שטול.
זעהט ער יענע וועלטען וואָס האָבּען זיך ניט אײַנגעגעבּען
אויפהויבּען פון אָפּגרונטען און רוימען.
איבּער זיך...

## נאָהענט.

נאָהענט, דאָ בײַ מיר, דאָ אויף מײַן שויס,
כאָוועע איך די ווײסטקײַט פאַר זיך אויס.
סם פון שווייגען, סם פון שווערע רייד.
סם פון צער און סם פון שווערער פרייד...

נאָהנט, דאָ בײַ מיר, דאָ אויף מײַן וואַנט,
ליגט דער שאָטען פון דער אַלטער שאַנד,
וואָס ציט פון קאַלטע קברים זיך צו מיר,
היט די טריט פון יעדען אויף מײַן טיר...

נאָהנט, נאָהנט, דאָ־אָ פאַר מײַן נאָז,
שטעהט א טויטער א פארגרויטער שלאָס,
קאַלטע בוימער טריקענען זיך גרוי,
און פונאויבען איז דער הימעל בלוי....

נאָהנט, נאָהנט צאַנקט דער הימעל אויס—
שמעקט אַ שוואַרצען קאָפּ צו מיר אַרויס...
עפענען זיך אויגען אינ׳ם קאָפּ,
קוקען פונדערהויך צו מיר אַראָפּ...

נאָהנט, נאָהנט קוקען זיי אויף מיר,
ווי איך שטעה פאַרנאַכטיג בײַ מײַן טיר,
שפרייט די ווײסטקײַט אויס צוויי לאַנגע הענט—
קרייסלען פון מײַן שטוב זיך די פיר ווענט...

## דיינע טריט.

וואס דיינע טריט פארצייכענען,
וואס דיינע טריט פארזיכערען,
דאס קאנען ניט די העלסטע געדאנקען פאצייכענען,
אפילו ווען זיי קומען אז אין פריידיגער שעה פון טרייסט,
געקליידט אין ריינסטען גאלד פון סטיל,
אפילו ווען זיי ווייזען זיך
אין ווייסטען ריטמזילבער...

רו האסט זיך איצטער פאר מיר אויפגעהויבען
און קרייזסט זיך אום אין צינדערנדיגען־צאנקענדיגען פייער.
דערזעה איך דיך אין נאהענטער געטרייקייט,
און אין ווייטער שולדיגקייט:
דאך די צייכענס פון די טריט פון דיינע,
בארוהען מיין צווייפעל...

עס שפילען דיינע אויגען איצטער פאלשע פארבען,
דיינע רייפע יארען שווימען אויף אין בלוט פאר מיר,
און רייצען זיך מיט מיר:—
גיינצעהן מיידעלשע יאר!
גיינצעהן מיידעלשע יאר!
איין שטיק רייפע תאוה — — — —

די טריט דיינע האבען פארצייכענט שוין אויף מיין שוועל
די פריידיגע זיכערקייט...

## א נאכט פון זומעריגער ליבע.

דו ביזט דורכאוים דארף און דיינע באקען רייצען מיך
מיט זייער לאבענדינקייט און יונגקייט.
עס איז א ליגען וואס מען האט דערציילט אויף מיר
אז פון מיינע סענטימענטען אלע.
איז דאס נאלדינע שוין אפגעקראכען...
איך קאן דיך ליב האבען היינט אינגעלש נאך.
איך קאן מיט דיר פארשפילען זיך.
ביז גלויבינקייט... ביז נארער גלויבינקייט...
פרואוו מיין בלוט, מיין טונקעל־בלוט.
דו וועסט נישט ניכטער בלייבען.

דו ביזט דורכאוים דארף און וואלד.
פארוואקסען ווילד זיינען דיינע וועגען אלע.
איך קאן אין דיינע שאטענס פון זיך אליין באהאלטען זיך.
און עס זאל נעדוויערען... עס זאל נעדוויערען
ביז איך וועל זיך דערזעהן...

איך האב ערגעץ א וועלט
בין איך פון איהר איצט ווייט:
איך האב מיין קינד געלאזען דארט
היט זי אפ דעם אומעט דארטען.
זי איז שוין אלט פיר גאנצע יאר...

דו וועסט נישט ניכטער בלייבען פון מיין בלוט—
האסט דאך נישט קיין אנדערען סיווי אצינד...
און — די נאכט איז אויפ'ן ווינט...

## די שטאָט איז מיין דאָרף...

די שטאָט איז מיין דאָרף שוין געוואָרען פונלאַנג — — — —
מיין האַרץ איז שוין גוט צו דער שטאָט,
אַזוי גוט ווי צו פעלדער,
אַזוי גוט ווי צו טייכען און בערג,
און צו שטילקייט פאַר זשומענדע אינזעקטען,
וואָס הוזשען נאָך גאָלד און נאָך ווייטקייט,
נאָך קרישטאָלענע אָפּקלאַנגען....

אָך, וויפיל ליכטיגע פעלדער און וועלדער
עס וואַכען בייטאָג און ביינאַכט אַרום דער שטאָט!
אַ שפּיל פאַר די פעלדער,
אַ שפּיל פאַר די וועלדער,
די טאַנצענדיג־גלאַנצענדיגע שטאָט!
און פליגלען און בינען קומען זוכען גאָלד און ווייטקייט,
גאָלד און ווייטקייט און קרישטאָלענע אָפּקלאַנגען,
אין שטאָט — — —
די שטאָט איז מיין דאָרף שוין געוואָרען פונלאַנג,
און די מיידלאַך, נאַאיווע פון אַרבייט און מידקייט,
געהען ווי ציגען יעדען אָוועגט אַהיים...

די שטאָט איז מיין דאָרף שוין געוואָרען,
איך האָב פאַרשטיקט איהרע גרילצענדע קולות אין זיך,
און הער נישט איהר קלאַפּען און קנאַלען;
דורכ'ן ווילדסטען גערויש רעדט איהר שטילקייט צו מיר...
שווייגט איהר טויטקייט צו מיר...

# דעצעמבער.

פונם הימעל פאַלט אצינד די מידקייט.
מיט'ן רעגען טריפט אראפ די מידקייט.
אומזיכער וואוינען מענשען אויף דער וועלט,
אומזיכערע הייזער... אומזיכערע וועגען...
אומזיכער די זון אין הימעל אפילו געהט ארום,
אין די אומזיכערע טעג און ווארט...

אפּגעריסענע מענשען פון אלע זייטען,
פון צווייפל און פון גלויבען און פון ערדארבייט,
פון פאַבריקען, — משוגע'נע פון אלע פאַרבען, —
אלע דרעהען זיך ארום בית־עולם שטומע.
אלע ווארטען ביי דעם פאַרקען פון בית־עולם..
אלע ווארטען ביי דעם פאַרקען פון דער זייט,
דרעהען זיך אום אהער און אהין,
און ווארטען... און ווארטען...

א שטרויענע וועלט, א שטרויענע וויג,
אַנ'אומזיכערע שטרויענע וויג
וויגט זיך מיד אהין־אהער, אהער־אהין,
און א פייער גנב'עט זיך צו איהר,
א פייער גנב'עט זיך צו איהר...

און פון הימעל פאַלט אצינד די מידקייט,
אומזיכערע הייזער... אומזיכערע וועגען...

## אזוי...

גאָטס טרויער בלוטיגט אין דער זון,
געהט אויף די זון, געהט אויף גאָטס טרויער.
דער טרויער לייכט און גלייכט די וועגען אוים.
דער טרויער פירט אריין און פירט ארויס
טאָג איין, טאָג אוים,
נאכט איין, נאכט אוים.

גאָטס עלענט טרויערט אין דער נאַכט,
ווערט טיף די נאכט, ווערט וויים די נאכט.
און דער וואס האָט קיין שלאָף ביינאַכט,
פארבלאנדזשעט טיף אינם עלענט פון גאָט,
און קיינער זעהט איהם נים ארוים...
מען ווייסט נים וואו ער איז...

און אז גאָטס פרייד ווערט קליין און מיזערן,
טונקעלען ביי קליינע קינדער די אויגען...
זעהען נים די קינדער קיין הימעל אויפ'ן גאָס,
און ווייסען נים וואו זיי זענען...
און וואו די וועלט איז...

בלויז קליינינקע, גאר־גאר קליינינקע קינדער,
קאָנען נאך א שמייכעל־טון אין דער קליינער פרייד,
און זעהן די זון דורך די פענסטער,
ווייל זיי זויגען נאך...

## אווענט.

מיליאַנען אַפּגעלאַזענע, לויזגעלאָזטע קייטען — — —
ס'רינט דאָס שטאַרקע רויטע לעצטבלוט אַפּ.
איבער דער שטאָט מאָנטרעאַל ליגט צוליינט א כמארע־פליגעל.
עפּעס שרייט ערגעץ מיט משונה'דיגע קולות.
(נאָך יעדען שטילען גרויען טויט
צושרייט זיך שרייענדיג דאָס לעבען...)

מענשען מיט קינדערישער בלאסקייט און קינדערשע כוחות
געהען אהיים פון ארבייט, פון מיה און פון געשעפט.
אלע מיט קליינע אויסגעמידטע הענט.
קליינע פּנימער, פארגראבענע אויגען,
און ווי פארטרויערטע מעוברת'ע פרויען,
טראגען זיי דעם אויפגעבלאזענעם פארדרוס אויף די בוימער.

און יעדער איינער טראגט זיין גאָט מיט זיך
וואס ער האָט פונם קרייץ ארונטערגעריסען...
ברענגט איהם צו זיין טיש
און חוזקט איבער איהם מיט זיין פוטערברויט...
לייגט איהם אינם ברייטען בעט
וואו ער שלאָפט מיט'ן ווייב.
און חוזק'ט איבער איהם...

לעשענדיגע פלעמלעך בלויע... אווענט אויף דער וועלט.
א נעליימטע האנט לייגט זיך אויף מיין פּלייצע אוועק
און ווער מיך אזוי...

## צו מיין פרוי.

מיין פרוי, מיין יונגע פרוי,
א קבר אין דער שטילקייט איז אונזער לעבען.
דער זומער נעהט אוועק און נעמט אוועק פון איהם די גרינקייט
און ווייס־ווייס קומט דער ווינטער,
און ער וועט אויך אוועקגעהן...

איצטער איז דאך הערבסט דערוויילי,
אונזער הערבסט איז אזא שלעכטער, —
האט נישט קיין רחמנות אויף די טויטע פויגעל,
וואס דער זומער האט אין וועג געלאזען:
קוקט זיך גאר אויף זיי נים אום,
טרייבט זיי נים אוועק זיין ווינט...

מיין ליבע גוטע פרוי,
מיר האבען דאך בלויז איין מיידעלע, איין קינד
וואס טאנצט ארום ארום דעם קבר פון אונזער לעבען.
אונזער הערבסט מאכט צו די אויגען זיינע,
ווען ער זעהט דאס קינד אונזערס ארומטאנצען
ארום דעם קבר...

און דערפאר מיין ליבע פרוי,
ווייל ס'איז הערבסטיג אונזער לעבען,
האט דאס קינד אונזערס נישט ליב קיין מילך צו טרינקען,
און בעט נאר שטענדיג הערינג צום עסען,
און אנדערע ביטערע מאכלים...

## שפּילען זיך.

אויף די בערג די הויכע שפּילען זיך מיין זומערס קינדער.
שפּילען זיך מיט טויזענטערליי זשוקלעך און אינזעקטען,
און מיט קעצלעך הימלאַזע און פּרעמדע,
און מיט גאָלדענע פליגען,
און מיט ווייסע שמעטערלינגען.
שפּילען זיך מיין זומערס קינדער
מיין זומערס קינדער ווערען שטיפעריש פון צופיל שעה'ן זון
קלעטערען זיי אויף די בוימער ווי די מאַלפּעס,
וויגען זיך און הוידען אויף די צווייגען זיך,
וויגט זיך אום מיט זיי דער גרויסער טאָג,
ווערט פון דער זון א סך זונען —
זונען אַפּ און אויף,
זונען אַפּ און אויף,
שפּילען זיך מיין זומערס קינדער ארום א רינג מיט זונען,
זונען אַפּ און אויף,
זונען אַפּ און אויף,
שפּילען זיך מיין זומערס קינדער...

אז עס ווערט שוין טונקעל, פונם אָווענט טונקעל,
קלעפּען זיך די אויגען ביי מיין זומערס קינדער.
שלאָפען שוין מיין זומערס קינדער
חלומ'ען מיין זומערס קינדער...

אויף די הויכע בערג,
אויף די הויכע בערג,
חלומ'ען מיין זומערס קינדער...

אונטער די הויכע בערג,
אונטער די הויכע בערג,
חלום איך פון מיין זומערס קינדער...

## צו מיין פרוי.

דיין זון דעקט נישט אויף מיינע אפגרונטעז,
דיין נאכט דעקט נישט צו מיינע אפגרונטעז...
כאטש דאס ליכט פון דיין זון איז גרויס,
און דיין נאכט איז מיר נויטיג,
מיין יונגע ליבע פרוי.

אונטערן בוים מיט די שווארצע צווייגעז
וועלען מיר נאך לאנג דארפען לעבען איינזעם
ווארטען אויף דעם נייעם ווייסען טאג,
וואס דארף אונזער לייטערונג ברענגען,
מיר זאלען זיך זעהן...

דער בוים מיט די שווארצע צווייגען — אונזער מזל,
זומער שעלט ער די גרינע בלעטער זיינע, —
קומען ווערים און צופרעסען זיינע בלעטער;
ווינטער שעלט ער זיינע ווייסע שנייען,—
קומען בייסענדיגע ווערים, ווערים פון די זונשטראלען
און צופרעסען זיינע ווייסע שנייען.
מוזען מיר דאך ווארטען לאנג,
מיין יונגע ליבע פרוי.
ווייל דיין זון דעקט נישט אויף מיינע אפגרונטעז,
און דיין נאכט דעקט זיי נישט צו.

## עפּעס ווערט....

עפּעס ווערט גרויס און ווערט קליין מיט מיר,
עפּעס חלומט זיך אויס דורך מיר...
עפּעס וויקעלט זיך אויס פון מיר;
ווערט א ווינט פון מיין צוגעמאכט הארץ,
ווערט א ווינט פון מיין אויפגעוואָרט וואָרט,—
עפּעס ווערט ליכטיג דורך מיר...
עפּעס זעהט זיך ארויס...

איך וויל עפּעס פינסטערס פארנארען
אין ליכטיגקייט, אין בלענדיגקייט אין מיר,
און לעש אויס די ליכטיגקייט אין מיר...
גיה איך אין שמאָלע היילען,
אונטער שווארצען שטיין...

עפּעס ווערט עלענט דורך מיר
און רייסט זיך אין אפּגרונטען;
עפּעס ווערט אייביג דורך מיר,
און פארלאָזט מיך,
און פליהט אוועק...

## ארום יעדען פלעק.

ארום יעדען שווארצען פלעק וואס אין מיר און ארום־מיר,
בליהט אויף א ליכטיגקייט, א ליכטיגקייט.
אפשר צויבערט עס ארוים פון שווארצען פלעק אליין,
וואס ברענט אין סודות'דיגער אימפולסיווקייט.
הייגגט די וויסטעניש אין זוניגען שיין.

מיינע קאלטע פייערען פון נעכטען,
מיינע הייסע פייערען פון היינט,
פעכטען, פעכטען, וועלען אייביג פעכטען,
פאר טויזענט אומרעכטען און רעכטען,
וואס איך האב ליב און פיינט...
וואס צאנקען ארום שרעק וואס שיינט,
וואס שיינען ארום פרייד וואס צאנקט,
פון ערשטען נעכטען מיינעם ביז'ן לעצטען היינט...

ארום מיין אויפגעבלימער ליכטיגקייט
פליהען ראבען פון מיין פאטערס טויטקייט אום...
וואס א טאג אלץ מערער, מערער,
זשום־זשום־זשום... זשום־זשום־זשום! —
א זשומעריי פון הייסע און פון קאלטע פייערען,
פון נעכטענס און פון היינטען...

זשום־זשום־זשום!
היינט איז נאך מיין ערשטער אנהויב־היינט!
און אלץ וואס איך האב קינדיש אנגעצונדען שיינט,
און ברענט נאך אין דער קעלט אריין
אנטקעגען ווינט מיט טויטען שיין...
אנטקעגען מארגען־שיין...

## מיין טרויער.

מיין טרויער שיפט זיך אויכעט צו זיין ברעג,
קוקט פונם שיפעל אויפ'ן מוטנעם שטראם אראפ,
אויף די מאטע רינגלעך פון די כוואליעס...
די בייזקייט איז איינגאנצען אויסגערונען פון מיינע אדערן,
לאז איך שיפען זיך מיין טרויער גלייך,
און קירווע איהם ניט אינערגעץ...

דער שטראם וואו ס'שיפט מיין טרויער זיך
איז נישט קיין אנגערעגענטער פון פרילינג־וואלקענס
הערבסטען פיל האבען זייער גאלד אין איהם געוואשען,
זייער גאלד און זייער בלוט אין איהם געוואשען,
און וויים באגעגענט די ווינטערען...

ווען די ליידינקייט פון פעלדער מאכט די הימלען ליידיג,
צינדט־אן מיין טרויער זיך און בונטיגט רייך
און שיפט זיך אומרוהיגער אויפ'ן מוטנעם שטראם
צו די פינסטערע נאכטהאריזאנטען
אונטער א נידעריגען הימעל,
און דארטען שטעלט ער זיך...
ווארפט ער פערל און בריליאנטען פון זיינע פייערן...
פערל און בריליאנטען פאר'ן אפגרונט...
פערל און בריליאנטען פאר'ן אפגרונט...

## ערד און וואַלקען.

אַז ס׳שיינט די זון ניט אויף מיין פינסטערער ערד אַרונטער,
שיינט זי אין דער שטילער גרויקייט פון די וואַלקען,
וועלכע שוועבען שטענדיג איבערן מזל מיינעם.
אין דער שטילער גרויקייט פון די וואַלקען
וואַקסען דימענטגראָזען...

עס וועהט אַריין אין מיר די פינסטערקייט פון מיין ערד
און די שטילע גרויקייט פון מיין מזל׳ס וואַלקען.
שפּראָצען ,דימענטען אין מיין פאַרשטיינטען פּיין,
שפּראָצען גראָזען אין מיין אומגעריכטער פרייד,
און מיינע דימענטען און מיינע גראָזען —
קילע בענשונג — ערד און וואַלקען...

עס בליצט אין מיין געדאַנק דורך קאַלטען וואַלקען...
עס לייכט אַ רעגענבויגען אויף דאָרטען
דורך קאַלטען־קאַלטען וואַלקען...
פליהט פרילינג דורך דורך מיין געמיט,
בעט ער ווייסע זיידענע וואַלקען,—
האָב איך נישט פאַר איהם קיין זיידענווייסע וואַלקען.

מיין אומגעריכטע חלומפרייד,— ערד און וואַלקען,
מיין חלום אהן באַשייד — ערד און וואַלקען,
מיין קומענדיגער טויט—
אַ בליץ אין וואַלקען...

## אין שפיל.

מיר שפּילען זיך בלויז מיט'ן גאָלד פון'ם פייער.
און בריען דאָס האַרץ זיך.
און בריען די הענט:
האָבען ליב קוקען ווי טונקעל עס בלויען,
די שאָטענס פון גאָלד אויף די ווענט...

זעהסט אָזאַ ליכטיגקייט אין מיינע אויגען,—
דאָס ליכט צינדסטו אָן דאָרטען
גאָלדיג אליין:
איך רעד ניט... ס'איז גאָרניט, דו דאַרפסט פון מיין שווייגען
דערווייל נאָר דעם סוד ניט פאַרשטעהן....

זאָל איך דיר זאָגען אז גאָלדענער ווערט נאָך
דאָס פייער ווען דו געהסט
פאַרטרויערט אוועק:—
דו ווייסט עס אליין — נאָר אזוי ווי אַ קבר
לאָזטו מיך... אַ קבר אין ווענ...

וואָס וויל איך פון דיר? דו פון מיר וואָס פאַרלאַנגסטו?
מיר ווייסען און זאָגען
דעם סוד זיך ניט אויס:
מיר שפּילען זיך נאָר מיט'ן גאָלד פונם פייער,
און לעשען עס שפּילענדיג אויס...

## ברייטקייט.

אז דער אלטער קברות־מאַן בייגט אַז זיך צו דער ערד
און לאָזט אַרונטער דעם אָרון אין קבר,
דערזעה איך די שענקייט פון זיין פלייצע־רחבות,—
אַ פעלד וואו ס'בליהט און וואַקסט
און שטאָלצט זיך מיט אַנ'איבּיגען בטחון.
נים קיין גויאישע פלייצע איז דאָס.
זי איז אַ באַרגיגע, אַ צולהכעיס'דיג־זינזאַנישע,
אַ פעסטע רוהיגקייט פון גייסטיג ליכט
שטראַמט פון די ביינער איהרע מיר אין פנים...

איך ווייס אַז איבּער די רויטע ראַמען אַרום די אויגען זיינע
לויערן רויטע ראַקעס־שאַטענס בלוטענדיגע.—
פאַנראַמען און גזרות...
האָט ער זיין ווייסטען קוק אין זיך פאַרקערט,
און קוקט מיט זיין רחבות'דיגער פלייצע צו דער וועלט...
באַגראַבּט אידען יעדען טאָג...
מיט דער פלייצע צו דער וועלט...
היינט האָב איך איהם געזעהן ביים קבר
פון מיין פריינטס געשטאָרבענער מוטער.
(אַ גוטע פרומע אידענע געוועזן.)
און ווען ער האָט זיך איינגעבויגען און אַ קוק־געטון,
אַ קוק געטון אויפ'ן אָרון אינוויינינג;
האָט זיין פלייצע ברייטער זיך צושפּרייט,
און געשמייכעלט מיר אין פנים...

## ווינטער.

ניט קיין קלויסטער קלינגט איצט,
דער וועג אין ווייסען שניי'ט זיך.
לייכט די וועלט אונז אין די פענסטער,
עס געהען פרעמדע מענשען,
הונגעריגע מענשען פון א פרעמד לאנד...

ס'איז נאך ניט שפעט דער אווענט,
און אופ'ן טיש אויף אונזערען,
ליגט אנ'איבערגעבליבען האלב ברויט,
און עטליכע אלטע ציבעלעס,
און קנאבעל און זאלץ...

ס'האט זיך מיר בלויז אויסגעוויזען,—
עס געהען ניט קיין מענשען צו אונז,
די ערשטע נאכט פון ווינטער
מיט די ערשטע שנייען אין אווענט
פארחלומ'ען מיר די געדאנקען
ווען איך קוק דורכ'ן פענסטער...

וואו איז דאס קינד?—ס'שלאפט שוין!
אזוי פריה האסטו דאס קינד געלייגט שלאפען,
עלקע, ס'וועט שוין היינט קיינער ניט קומען,
זעה נאר, ס'ארא שניי ס'איז געקומען,
עפעס שלאפט דאס קינד רוהיגער, רוהיגער
ווען אזא שניי איז אויף דער וועלט...

## יום טוב.

פון אַלע יומטובים וואָס דו האָסט פאַרברענגט אינמיטען מאַרק
זאָלסטו געווען כאָטש איינעם איבערלאָזן.—
אַז אַנדענק אַז ס'איז אַנדערש געווען אַמאָל,
ס'וואָלט שעהנער דער אומעט געוואָרען
ביי זיין קומען און אוועקגעהן.—

האָסטו אַלע יומטובים פאַרברענט.

אַז די גלאָקען קלינגען אין זייערע קלויסטערס
פאַלט אַז אַ רויטע בושה אויף מיין פנים:
איך טוליע זיך צו מיין קינד אומבאַהאָלפען,
און הער זיך צו צו יעדען קלויסטערקלאַנג,
און פרעמדע סימבאָלען שוועבען מיר פאַר די אויגען,
און פאַרשטעלען די וואַכעדיגקייט מיינע
מיט רויטער שאַנד...

דער לעצטער אָפּשיין פונ'ם פייער מיט רויך געמישט,
וואו דו האָסט פאַרברענט אַלע יומטובים,
פאַלט אויף די וואַכענטעג אויף אונזערע.
ציה איך זיך צו יענעם אָפּשיין.
מיין קינד שלאָפט איין אויף מיין שויס
און ס'שיינט אויף איהר דער לעצטער אָפּשיין,
און ס'פאַלט אויף מיר דער לעצטער רויך...

## עלטערע מענשען.

איבער די גראהע האר פון עלטערע מענשען
צינדט זיך אן ערשט דער גייסט פון העלער יונגשאפט, אמת'ער.
דער שיין פון די האר איז זילבעריג, אבער די פיין איז גאלדיג.
זוניג, אויפגעהענד־פארגעהענדיג, צויבערליכע טוישונג.
זייערע געדאנקען קלינגען מיט הערבסטיגען וואלד,
אבער זיי שפרינגען נאך ווי וועווערקעס אפטמאל ארום,—
די ברוינע געדאנקען פון די עלטערע מענשען,
וואס פינקלען אויס די עלטער זייערע,
ווי געוויכטיג און פול זיי מאכען זייערע רייד די שווערע!

ווי פונ'ם שפיל אט־ערשט אוועקגעגאנגען — — —
אויף די צוקנייטשטע שטערנס זייערע איז אזוי שעהן.
אונטער די קנייטשען איז ערשט א זון פארגאנגען!—
דערמאן זיך אמאל א מעריב וואס ווערט אנגעכמארעט לייכט,
און אז די זון פארגעהט מיט פארביגער פארבענקונג,
און ס'ווערען פון די לייכטע כמארעס מוטערפערלדיגע קנייטשען—
די זילבעריגע עלטער פון דעם טאג
אין דעם זיך וויגענדיגען אווענט...
דערמאן זיך אמאל א מערב אזא,—
איז עס נישט אזוי אונטער די קנייטשען זייערע?

גרויע קעפ פון עלטערע מענשען,—
אז אויסגעלייטערטער הימעל א טיפער און א ווייטער
אלע וואלקענס זיינען פון איהם אראפגעגאנגען,
דער רעגענבויגען האט זיך אויסגעוועבט אט ערשט...

## שיפען-רוף.

פון דער נאכט ארויס אין דער טויטער וועלט אריין
שרייען בלאנדזשענדיגע שיפען.
נאר פארגליווערט זיינען די שטעט מיט זייערע מענשען:
דעק אויף דעק לייגט זיך די מידקייט, פלאסטערט
זיך די שווערקייט, דעק אויף דעק...
שרייען בלאנדזשענדיגע שיפען: רחמים! רחמים!
צושיט זיך זייער געשריי האגעלדיג
אויף דעם פלאסטער פון דער נאכט...

אויפרייסען די פינסטערניש,
צופאסעווען די פארגליווערטקייט,
דעק פון דעק אראפּוויקלען, אראפּשיילען, אראפּרייסען,
און אנצינדען, אנצינדען...
וועלען אויסברענען די צושאטענע געשרייען!

מיט'ן פרימארגען־ים קומען שיפען אן צו האפענס,
הויכען אויס די בלאנדזשעניש פון זייערע פענסטער.
נאר מען עפענט ניט קיין טירען, און די מאסטען—
קוקען פרעמד אויף די האפענס...
די שטעט פון ווייטען קומען נענטער צו די האפענס
מיט מענשען, טראמווייען רויכען און קלאנגען.
פארפלעקט און פארזשמורעט ווערט די זון,
בייגט זיך אין ים אריין, איבער די שיפען,
איבער די מענשען, איבער די רויכען, איבער די קלאנגען.
קלאנגען, קלאנגען הויכקלאנגען.
פון די קלאנגען קריכען ארויס די טראמווייען.
פון די קלאנגען ציהען ארויס די רויכען.
פון די קלאנגען לויפען ארויס די מענשען...

בלאנדזשענדיגע שיפען זיינען געקומען פון דער נאכט.
די פינסטערניש אויפגעריסען...
צוריסען די פארגליווערטקייט...

# גלויב איך.

די ווילדע צייט האט איינגעבויגען פאר מיר איהר גרויסען קאפ:—
רייס מיינע גאלדענע האר ארוים פאר זיך.
טו אלצדינג וואס דו קאנסט נאר פארטראכטען שעהן מיט זיי.
און לויער ניט אין מיינע וויסטע ווילדענישען.
לויער ניט אין מיינע טונקעלע היילען.

שטעה איך און איך רייס די גאלדענע האר אירע.
רייס גאנצע זשמוטען. גאנצע בונטען אוים.
נאר אויסוועבען פון זיי קאן איך קיין זאך נאכניט פארטראכטען.,
נאר אויספלעכטען פון זיי קאן איך דערוויול נאך גארניט.—
דאס גאלד פארבלענדט די ענערגיע פון מיין ווילען.

טראכט איך און איך גלויב —
יעדע האר באזונדער וועל איך טייער האלטען.
יעדע האר באזונדער וועט מיר עפעס אויפדעקען.
וועט מיר עפעס אויפוועקען און אויפווארען אמאל.
און איך וועל זייערע סודות אפשר ערשט דערזעהן
ווען זיי וועלען אנהויבען אויסגאלדיגען.
און אנהויבען זיך זילבערן...

טראכט איך און איך גלויב...

דערוויול זאלען שפאצירען איבערן קאפ מיינעם די לייכטע ווינטען
וואס דערציילען גארניט און נעמען גארניט צו...
און אין די וואלקענס פון דער ווילדער צייט.
בלייבען איינגעקלעפט נאך אלץ
די טויטע שארבענס...
זיי וועלען שפעטער אנהויבען ארויסזילבערן...

טראכט איך און איך גלויב — — — —

## אינדערפינסטער.

אין דער נאַכט, אויפ'ן עק פון דער שטאָט
וואָס האָט זיך אין צוריסענעם פאַלשען ליכט געפּרעהט,
איז געהאַנגען די דיקע פינסטערניש פון דער וועלט.
אין זייער אומאויסגאַנגליכער ברייטקייט
האָבען זיך די מיליאַנען פעלדער און וועלדער
געוויגט און געוויגט אַהער־אַהין
ווי בערד פון טויט־געפאַלענע ריזען
צעוועהטע פון אַ ווינט...

אין דער פאַלשער ליכטיגקייט האָט די שטאָט זיך שלאָפען געלייגט.
(קיינמאָל לעשט די שטאָט ניט אויס די לאָמפּען,
זי האָט מורא שלאָפען אינדערפינסטער.
זי כאַפּט זיך אָפּט אינמיטען נאַכט אויף
הויבט אָן לויפען משוגע'נערווייז,
מוז זי זעהן וואו צו לויפען...
מוז זי זעהן וואו צו פאַלען...)

און אין דער פינסטערניש פון דער וועלט,
וואָס איז געהאַנגען אויפ'ן עק פון דער שטאָט,
איז געווען אַזאַ פרעמדקייט.—
אַלץ האָט גערעדט צו זיך אַליין מיט רחמנות...
טייכען האָבען זיך אַליין פאַרוויגט,
בערג האָבען געשטרעקט צום הימעל שוואַרצע פליגעל מיט רחמנות...
און צוריק זיי אָפּהענטיג אַראָפּגעלאָזט...

## אין דער נאַכט אויף דער וועלט.

אַלע שטומע שטעט אונטער דער שעהנער נאַכט הייםטינגער.
אין די טונקעלע טאָלען וואו זיי שטעהען,
מיט זייער היסטערישען ליכט אין די לאָמפּען,
זיי בלאַנדזשען איבער גאַר דער וועלט אַצינד
און שטעהען אַלע אויף איין אָרט.

פאַרצווייפעלען זיי און שיינען אַלע אַרים־אַרים
דער דינער ווייסער רויך פון אַלע שלאָפענדיגע,
קרייזט זיך ווי וואַסער זילבער איבער זייערע ווענט,
און דורך די ווענט אין דער ליידיגקייט,
אין דער אורליידיגקייט.

איבער אַלע שטעט קוק איך אַריבער,
איבער אַלע שטעט קוק איך אַריבער און זעה
די פּריסטען און די פּראָפעסאָרען,
די דאָקטוירים און אַנדערע באַטיטעלטע,
שטעהען אין לאַנגע לאַנגע רייהען פון אַלע פיר זייטען
אַרום די שטעט פון דער וועלט
און רויכערן דינע ווייסע פּאַפּיראָסלעך,
און היטען זייערע שטעט...

געזונט שלאָפען איצט די מיליאָנען וואָס אַרבייטען,
נאָך דער לעצטער איינמידונג
אויף די צוקראַכענע בייכער פון זייערע מיאוסע ווייבער.

## שווייג איך.

איך שווייג צו אלץ וואס שריים און פילרערט.
צו די מיליאנען שטיקער פלייש מיט הענט און פיס
און רייצענדיגע ליכטיגקייטען אין די פּנימער...
מען טאנצט אויף אלע בערג.
מען שרייט, מען קוויטשעט אין אלע לעבער.
דאס פלייש זאל טונקעלער ווערען,
און דאס בלוט געדיכטער און ברוטאלער...

וואקסט אויף מיר דאס ווילדע פלייש
און קאן נישט צושטעהן צו מיין ביין...
דאס בליציגע פון מיינע אויגען פייניגט זיך אליין
און קאן נישט פינסטער ווערען...
קריכען אונטער דער הויט מיינער מיאוסע חיות—
לייבען־לייז, טיגערן־לייז און וועלפלייז...

איך בינד זיך צו אפּט מיט געוואלד צום ווילדען פלייש,
הער אוים מיט צער די יובל'דיגע געשרייען,
פארשיט מיט זאמד דאס בליציגע פון מיינע אויגען,
ווערט א הארטע קארע אנגעוואקסען אויף מיין צונג,
און כ'קוק אזוי בהמה'דיג אויף זיך,
אזוי בהמה'דיג קוק איך אוועק פון זיך,
אזוי פון רויען פלייש ארוים...

## פון נעכטען.

כ'געה צו צו דעם נעכטינגען טאג אין מיין וואכענדרער נאכט,
און ריר אן זיין הארץ — עס קלאפט נאך!
אויף זיין פנים ליגען שטיקער צונאננענע שמוץ פון רייד און פרייד;
פון מיאוסע עקעלהאפטע ווערטער און געלעכטער,
וואס כ'האב פון זיך ארויסגעבראכט אין שכרות.
אויפ'ן שמאלען בעטעל, בין איך א האלב נאקעטער געלעגען
ביי דער זייט פון דער שלאנקער איטאליענישער שיקסע...
שפיי איך אויפ'ן בלאסען פנים פון מיין נעכטיגען טאג,
שמייכעלט מיין אפגעגאנגענע שכרות ארויס
דורך די שטיקער שמוץ.

כ'ליג ווידער. כ'בין אפגעטראטען פון מיין נעכטיגען טאג,
מיט גאנצע שלאפבערג פאלען אן אויף מיר די שפעטע שעה'ן,
גלעטען אויס די קנייטשען פון מיין אנגעשטרענגטקייט,
דעקען מיר צו מיט שטילקייט,
דעקען מיך איבער איבער'ן קאפ מיט רוה.
נעבלען פון אלטע חלומות וועהען איבער מיר,
קאלירען אפגעריבענע, פארבען אויסגעגאנגענע,
איינער איבער'ן צווייטען, וועה'ט, בלאזט און צוגעהט...

נאכט. פולע, שווערע צום תיקון־געקומענע נאכט איבער מיר.
חלומות רויען זיך אונטער מיין קאפ און ווער'ען צוקוועטשט,
אונטער דער שווערקייט און פארמאטערטקייט מיינער...
א פול פעלד מיט צוקניימשטע זאנגען־געדאנקען—
פליקט די רוה זיי איינציגווייז איינציגווייז,—
און אט שוין סנאפעסווייז...
ד'ער שלאף וויגט מיך אראפ און ארויף אין א ווייסען לייל'עד,
אראפ און ארויף אין א ווייסען הימעל—
אין לייטערונג... אין לייטערונג...

## אַ וואָך אַזאַ...

האָסט מיר נאָך ניט געשענקט אַן אומגעזעהנעם טאָג.—
כ'מוז יעדע שטונדע צייט פון מיינע יאָרען בלאַטיג מאַכען.
און אין דעם מדבר'דיגען זאַמד פון פרעמדע בליקען,
און פרעמדע אויערען מוז איך זיך אויסלייגען
און שעפען רוה, מינוטען פרעמדע רוה,
וואָס געהט סיִיוּי פאַרלאָרען אין אַ ווינט,
אַ פלוצלונג־אַנגעקומענעם פון הערבּסטוועגען.

---

איך האָבּ שוין היינטיגע וואָך אַזוי צוזומפיגט,
אַז ס'זאָל דער שטאַרקער זונענזומער אויף מיר קומען,
וועט קיין רגע ניט פון איהרע טעג אַ תּיקון האָבען,
אין דעם אויפבּליצענדען חלל פון מיין זכרון.
ווען אין אַלייען גרינע וועלען זיך אויפשטעלען מאָנומענטען דאָרטען,
און פויגעל־ערינערונגען וועלען אויפפּישטשען
און פירען רייד איבּער מיין האַרץ,
וואָס איך וועל קאָנען פאַרנעמען לאַנג, לאַנג...

---

אַ רויטער זונטאָג אַ געשענדעטער.
חורך אומגליקליכע פאַגראַמען־בּריוו וואָס כ'האָבּ דערהאַלטען שבּת,
דורך קלאַנגען שעהנע פון די קלויסטערם
וואָס האָבּען געדווישט נקמה'דיג,
געפאַלען ווי פאַרגליווערטע קיילעכיגע שטיקער בּלוט,
פון גרויסע הילפלאָזע אויגען אַרויס...

אוי, האט דאן געבליהט דער אוועגט־זתפארנאנג ארום בארג
מיט אלערליי בלומען און רויזען אפגעשאטען!
און אומגעזעהנע זיידענע פאהנען האבען געפלאטערט,
אין געוועהט מיט זיידענער און סאמעטענער לופט.
און נאכדעם מיט געוואנטינער לופט,
פארפלעקטער גראבער לופט...

שווארצע בוימבלעטער, ריזינע ווי אדלערפליגעל,
זיינען געפאלען פון הימעל איגאיינעם מיט די קלאנגען,
פון די גרויסע, זיכערע קלויסטערס.—
און ס'איז געווארען שווערע נאכט.—
נאכט צו מאנטאג צו...

מאנטאג אינדערפריה ארום עלף אזייגער,
דורך אלע קאטוילישע גאסען,
דורך די גאסען וואו פראנצויזען וואוינען
האט מען געפירט, אין ווייסען אנגעטון,
אין כבוד און אין הייליגקייט,
אן אלטען־עלטסטען־גלח.
ער האט געהאט א גוטמוטיג פנים,
און מילדע אויגען וואס לייכטען שוין פארנאכטיג:
קוקען הערבסט־פארנאכטיג, רעגענדיג,
און קלויסטערס פון אלע פיר עקען האבען געקלונגען,—
בין איך אויך נאכגעגאנגען:
איך האב געמיינט אז די פראצעסיע וועט ווייט אוועקגעהן,
ארויסגעהן פון שטאט און אריינגעהן אין דערפער...
ארויסגעהן פון דערפער און אוועקגעהן אין פעלדער...
און ווייטער, ווייטער אוועקגעהן...
בין איך נאכגעגאנגען...

האט די פראצעסיע זיך געשטעלט —
ביי א גרויסען קלויסטער.

זיינען אלע אין קלויסטער אריין.
איך בין געבליבען הינטען... הינטען... הינטען...

ביינאכט, נאכט צו דינסטאג צו—
אלע הייזער זיינען תפיסות — מיין הויז נים.
ביינאכט, נאכט צו מיטוואך צו
אלע הייזער זיינען תפיסות... — מיין הויז נים.
ביינאכט, נאכט צו דאנערשטאג צו.
אלע הייזער זיינען תפיסות...— מיין הויז נים.

ביינאכט, נאכט צו פרייטאג צו.
אלע הייזער זיינען תפיסות...— מיין הויז נים.
ביינאכט, נאכט צו שבת צו —
אלע הייזער זיינען תפיסות...— מיין הויז נים.
ביינאכט, נאכט צו זונטאג צו.
אלע הייזער לויכטען, זינגען.
אלע פענסטער זיינען אפען.
אלע הייזער זיינען ליכטיג.
מיין הויז—שטיל,—
פינסטער...
ווייט...

## פון פרילינגדיגע ערדבריסט.

פון צווישען זיינע טונקעלע גריבער רוישט רויטע אויפלעבונג פליישיגע.
ס'איז איצטער פרילינג איבער ערד און הימעל. און אונטער דער הויט פון צייט
נעמען זיך צונויף זוניגע פינטעלעך און זאמדעלעך.
און ווערען א גרויס ליכטיגקייט אויף דער רוה פון פרילינג...
וואס פאר א הויכקייט איבער די מיטעלמעסיגע טעג
די זון וועהט אן! וואס פאר א קילער שוים
דער ים פון וויגעדיגע וואלקענס לאזט ארויס פון זיך!
עס געהט א רעגען. אינמיטען טאג געהט א רעגען
פול מיט נאכטיגער טונקעלקייט...
מיט נאכטיגער ליבשאפט.
(פרילינג איבער הימעל און ערד.
וויים־אנגעטונענע מיידלעך פאהרען אויף וועליסאפעדען.
און דאס פלייש פון זייער פנים שמעקט ברוינליך־ראז.
לוסטען קינדישען זיך אין די שלאנקע פיס זייערע,
און לוסטען קינדישען זיך ארום זייערע וואכענדיגע לייבער.
אונטער די קליידער שיינען די הינטערראקען וויים־ליכטיג,
הינטער די הינטערקליידער שיינען ליכטיגער די מיידעלשע הויזען.
און הינטער די הויזען דאס לייב שיינט ליכטיג—ליכטיג־וויים.
פרילינג איבער הימעל און ערד...)

בין איך צום בארג געגאנגען אינדערפריה.
דער רעגען פון נעכטען האט נאך געלעבט אויף גראזען.
און אין שטאמען פון ביימער נאך אויך.
האב איך אלע טויטע געפילען מיינע אויפגעוועקט
איך האב זיי אויפ'ן בארג געלאזט קלעטערן
איבערלעבונגען ! איבערלעבונגען !
מיינע איבערלעבונגען האבען גערוישט
מיינע איבערלעבונגען זיינען געווארען לעבונגען.
און מיך אויסגעצויגען מיט זיך צו אלין, צו אלץ
וואס איז פון מיר אוועקגעפלויגען...

## צוטומלעניש.

פון רגעס און פון יארען — שפיל אויף שפיל מיט ביינער גרויע
וואס באהאלטען זיך אין שאטענס פון פלייש און בלוט.
און פרישע רויזנקרענץ פון נייער פרייד באהאלט איך זיך.—
דאס איז דאך רויך וואס קאן זיך שלענגלען הויך.
וואס קאן זיך בייגען אלזייטיג און ארומיג.
מען רופט עס: האפנונג, מען רופט עס: בטחון אין זיך.
מען רופט עס רויך אויך ווי עס באדארף צו זיין אמאל...
נאר דאס שפיל זעהט מען נישט און מען קאן עס נישט באגרייפען...

דורכפאלען... דורכפאלען אין די קנוילרויכיגע שפילען.
ס'זעהן זיך ארויס פלעקען בלוט און שטיקער רויפלייש.
רוישט דער הונגער־אפעטיט פון הינט פארלארענע אויף וועגען.
רוישט דער וויינענדיגער צער פון קינדער אומשולד
אויף פארלאזענע בעטען פון הור־מאמעס.
וואס זייגען מזנה מיט גרויסע שטיקער שווערע פלייש.
און ס'וואקסען זייערע בייכער נישט פון באפרוכפערונג.
נאר בלויז פון גלוטיגער הנאה...

צייכענס אויף די ברעמען... צייכענס אינם שלאפשנארך.
אפגעריסענע חלומות אינם פאלשליכט פון דער מימעננאכט:
ליגט א מאן אין א ברייט בעט מיט זיין ווייב, זעצט זיך אויף.
דעקט ער אפ דעם צודעק פון איהר לייב,
שפיליעט אפ דאס לאנגע העמד איהרס, טוט עס אויס איננאנצען.
שטיל... גנב'יש... קוקט ער, ברענט ער זיינע נערוועז.
דרעהט א קיילעכדיגע רויטע ראד זיך פאר די אויגען זיינע.
די פייעריגע ראד פון אומגלויבען —
די פייעריגע ראד פון באשולדיגונג אייזערנער...

פולע פיס, א ווילדער טראכט און בריסט געוואלדיג־זינדיגע !—
אט לויפט ער פונם בעט אראפ א נאקעטער, א הוילער,
און מיט די נעגעל, אנגעשארפט פון קאלטען ווייטאג,
וועט גראבען אינם דיל, גראבען גראבען...
עס וועט געשעהן דאס גרויסע וואונדער פון פאראכטונג,
וואס האט אין זיך צומישט שוין אלע פארבען און לוסטען
און געמאכט פון זיי א מיתה־משונה־זומפ...
ער וועט דעם קבר איהרען אויסגראבען
און—שטיל.... גנב'יש... שטיל גנב'יש שטילען איהר תאוה,
און פארשיטען זי מיט ערד....

פון רגע'ם און פון יארען — שפיל אויף שפיל מיט ביינער גרויע...

## פון טאָג צו טאָג.

פון טאָג צו טאָג אריינגעהן אומגעריינגט אויף דער וועלט.—
דאָס פעכיג ברוד קלייבט אַז זיך מעהר אויף דער נשמה;
אַ חרפה שוין פאר זיך אליין צו אומטראָגען אין זין.
דערמאָנונגען און איבערגעליטענער הייליגקייט...
דערמאָנונגען פון דורכגעשווינגענער ריינקייט...
אזויפיל קלאָרע קוואלען רופען מיך זיך וואשען, לייטערען,
נאָר די הויט ציטערט אויף מיר...

ערשט נעכטען האָט זיך מיר דאָס הארץ געהויבען:
כ׳וועל צו אלע פייערען זיך שפיגלען קומען א ריינער;
כ׳וועל אָנהויבען א נייעם טאָג אין מיין לעבען אויפרייסען,
כ׳וועל אָנהויבען א נייעם טאָג אַז ערדיגען אין מיין לעבען אויפשיינען;
כ׳וועל מיט אָפענע אויגען זיך ארונטער ווארפען פונם באַרג מיט נעכט,
וואו כ׳האָב מיין איינזאמקייט געוואָלט באהאלטען אונטער זיך,
זוכענדיג אָפט מיין אייגענעם שאָטען,
וואס האָט פון מיר זיך אָפגע׳גנב׳עט אויף א רגע.
כ׳בין צוגעוואקסען צו דעם באַרג מיט נעכט.
ווי אויף אַן אויפגעבלאָזענעם אָפגרונט פון שווארצע ווינטען
פלאַטער איך ארום... ווינטיג איך ארום...
איך הויב זיך און איך קום אינערגעץ נים,
איך פאַל — און קום אינערגעץ נים...

## צו מיין פרוי.

עס רוהט זיך אפּ דיין וועלט אויף מיינע כוחות.
זי שלאָפט זיך אוים אין מיינע אויסגעלערטע נעכט:
איך וואַך אַרום איהר האַלבּ־ דערגרויטעז חלום —
וואס ליגט אַהן שיין אויף מיין פארשמאַכטער ערד.
איך לייג זיך צו צו איהר און קאָן ניט ליגען.
כ'מאַך צו די אויגען און עס נעמט מיר ניט קיין שלאָף:
א ווערימדיגע מיאוסקייט שטיקט אין האַלז מיר.
און עפּעס ליכטיג־פינסטערט בּליצט מיך דורך —
א וואונק פון אַנהויב־סוף.
דיין וועלט האַט זיך שוין אויסגערוהט אויף מיינע כוחות
און אויפגעשטאַנען פריידיג־גאַנץ און פריידיג־שעהן:
און אין דער ליידיגקייט פון מיינע נעכט בין איך אריינגעפאַלען
נאָר ס'קומט די רוה נאָך אַלץ נאָך ניט צוגעהן...
כ'מאַך צו די אויגען — עפענט זיי מיר ווער צוריק אויף,
די קאַלטע ליידיגקייט פליסט שווער אין זיי אריין
איך וויל דיך אויסזוכען אין מיין געדאַנק און קאָן ניט.
עס גליהען פארבען אלערליי צומישט. צושווארצט
אָהן ליכטיגקייט, אָהן שיין...

## צו מיין פרוי

א רויטקייט פון מיטען דער נאכט...
און איך האב פאר דיר זיך פארשעמט:
ביז איצטער האב איך נישט געזעהן
ווי עלענט איך בין דיר און פרעמד.

אנטקעגען דיין ליכטיגען לייב,
ווערט העלער און העלער מיין זעל;
און פאר דיינע נאקעטע בריסט
ווערט טונקעלער אלץ אין מיין זעל.

דו ביזט דאך מיין פרוי שוין פונלאנג,
און לאנג אז דו וואוינסט אין מיין הויז;
און לאנג אז דו וואוינסט אין מיין בעט,
ווען פרעמד איז דורך דיר אויך דאס הויז....

א רויטקייט אינמיטען דער נאכט...
און איך האב פאר דיר זיך פארשעמט:
דו טראגסט דאך מיין טרויער אין זיך,
פארדעקט מיט א לאנג־ווייסען העמד...

## די נאַכטיגע פרוי.

יאָ ווייך איז די פרוי פון אַ ליכטיגען מאַן, פון אַ גייסטרייכען מאַן.
ווייך ווי אַ מויז, אין דער ליכט אַ פארבלאַנדזשעטע.
עלאַסטיש ווי איבערגעקאָכטע שפּייז אינ'ם מאַגען
פון אַ שווער־אַרבייטענדיגען מענשען...
אינדערנאַכט איז זי ווייכער נאָך.
קריכט דורך אַלע טונקעלע שפּאַלטען פון גייסט.
און פילט אויף זיך גאַרנישט קיין שווערקייט:
גריזשעט די ברעקלעך פון פארלאַשענעם גייסט
און פילט נישט קיין מיאוסקייט.
קיין עקעל...

די פרוי פון מיין שנאה, די פרוי פון מיינע בייגאַכטיגע צווייפלען.
די פארשוואַרענע שפּיאַנקע פון דעם מענליכען כח.
וואָס ליגט אינדערפינסטער פארמאַכט און אויגענלאָז:
ער רויעט אַרום און באַהאַלט זיך אין לעכער.
און וויל זיך פון איהר ראַטעווען, אַנטלויפען, אַנטרינען.
און פאַלט אונטער איהרע הענט און לעשט זיך — — —

אשה־רע ! . דאָס שפּיל פון פאַראומרייניגטען וואונדער !
ס'וועט זיך ווייכען די ערד און זיך ווייכען מעליסיג.
און ווערען אַ בלאָטע פון פרויליכער גרויער שטילקייט.
צופוילטע, פאַרשימעלטע ביימער...
וואָס דער מענליכער גייסט וועט שוין מעהר ניט מעטאַליזירען קאָנען.
נאָר ליגען אַליין אונטער'ן מידען שאָטען זייערען.
און צורינען און צושווימען אין וואַסעריגען שוים...

די נאַכטיגע נאַקעטע פרוי פון מיין שנאה,
די צופלאָסענע רוה מיט געדיכטע שטיקער בלוט,
וואָס עפּושט פאַר מיילען מיט דורות,
וואָס קוועלט און פארקילט ניט...

## קאַלטער רויך.

קאַלטער רויך פון אינדערפריהעגדיגע שטיבער טונקעלע,
מיט פאַלשע פענסטער נאָך צום טרויםליד־טריבען הערבסט צו,
קוקען פארלאָרענע אַלטע שטיבער פון עלטערע גאַסען.
כ'בין וואַכענדיג און מיט אביסעל פרישען אָטעם,
שפּאַציר איך זיך ארום אזוי,
שפּאַציר איך זיך אזוי צום הערבסט...

מיר וואוינען, פונ'ם חודש מאי אָן, שוין דאָ הינטער'ן שטאָט.
די מאַמע מיינע איז נישט געזונט געגוג אין שטאָט צו לעבען.
וואוינען מיר אין שטילען האלב־דאָרפישען געגענט צוליב איהר לעבען,
מיט בלאַסליכע טעג, בלאַסליכע אווענטען לעבען מיר דאָ.
אָט, אווענטען מיט קליינע כמאַרעס אין הימעל,
און מיט פארטראַכטע פנימער געהען מיר שלאָפען דורך זיי,
אין אזא פולוועלטיגער שטילקייט ביי זיך אין דער היים.
גרוים ליבשאַפט פון דער אייביגקייט!

אינדערפריהען הערבסטיגע דאָ. דאָ, ווייט פון דאָרטען!...
קאַלטער רויך פון קוימענס, קאַלטע אַלטע שטיבער.
און איך — פאַרוואָס האָב איך ניט קיין גרויע באָרד?
פאַרוואָס האָב איך ניט נאָך צוויי־צענדליג יאָרען אויף די פּלייצעס?
און פאַרוואָס נעה איך ניט אריין אינ'ם נאָהענטען קלויסטער,
זיין אַליין דאָרטען א גאַנצען טאָג?

קאַלטער רויך פון אינדערפריהעגדיגע שטיבער טונקעלע.
א מידער הערבסט וואָס שעמט זיך וויינען.
קוים וואָס ער ריהרט אָן די ערד...

# וואוהין?

מען דארף נישט און מען טאר נישט מאכען אבלדיגער נאך
דעם הערבסט פארנאכטען, ליבער פריינט.
אין זייער אומעט לייכט און קוועלט
ליב-ליבע בלום, וואונדיגע פרייד...
זיי געהען פון בארג ארונטער
אין מוטערפעלדיגע סאנדאלען.
און שפאנען איבער אונזער קרוינליכער שטאט
מיט יעזוס-קרענצלעך אויף די קעפ...

דער אומעט קומט דערפון,
ווייל אויסגעבויגענע קרום בלייבט שטעהן די וועלט.
אין די הערבסט פארנאכטען:
זי שטעלט אוועק זיך געבויגענע שארף אן א זייט.—
און אט, אט וועט זי אומפאלען!

די נעכט אין הערבסט זיינען ים'יג,
זיי וויגען די וועלט ווי א גרינגע שיף — אהין-אהער.
און ווילען זי איבערקערען...
און די פארנאכטען, די פארנאכטען! —
ערגעץ וויל מען אוועקגעהן פון דער וועלט
און ס'איז נישטא וואוהין...
עפעס האט מען אזוינס צו דערצעהלען
און מ'האט נישט וועמען....
מ'קאן נים אפשטעלען קיינעם....

## הערבסט — די עפּעל קאָכען זיך אין נייעם טאָפּ.

דאס ערשטע מאָל האט היינט מיין פרוי דעם אויזוען איינגעהייצט,
און ס'איז אין הויז א ווינטערדיגע גאסטיגקייט אריינגעקומען.
און אינם נייעם טאָפּ קאָכען זיך די גרויסע עפּעל שוין
און זיי זידען און זיי זומערען און פרעהען זיך......
—ס'איז קאליפּאָרניע עפּעל, זאגט מיין פרוי,—
אזש קאליפּאָרניע עפּעל!—
און אז די קאליפּאָרניע עפּעל קומען אַן צו אונז אהער אין הערבסט,
וועלען אונזערע אויגען זוניגען אין אלע טעג פון הערבסט דאך צוליב זיי.
אונזער הערבסט טראגט היטע קווייטען אויף די לאַנגע קליידער זיינע
אונזער הערבסט פּאשעט שווארצע שעפּעלעך ביינאכט צווישען די קאלטע
פעלדער:
פארבלאנדזשעט אפּט אין א פרימאָרגען א שעפּעלע א ווייס, צו אונז אין שטאָט
וועל איך אויפשטעהן מאָרגען זעהר פריה, פריה.
און וועל א פארבלאנדזשעט שעפּעלע אנטקעגענטרעפען,
וועל עס נעמען און איך וועל עס ברענגען צו אונז אהיים, גוטע פרוי מיינע,
וועט אונזער קינד מיט דעם זיך שפּילען,
און מיר וועלען זיי געבען געקאָכטע עפּעל עסען — — —
די עפּעל קאָכען זיך אין נייעם טאָפּ...

## הערבסטיגע ליבשאַפט.

שטילע, ליידענדיגע בוימער אויפ'ן גאַנצען וועג פון הערבסט.
איז מיר געגעבען געוואָרען אין נשמה אריין דיין ווייסע גוטסקייט און ליבשאַפט
און איך פיהר זי אויפ'ן הערבסטוועג פון די ליידענדיגע בוימער.
דאס בלוט פון מיידעלשקייט און פשוטקייט וואס פרויען לויכטען אויף
ארום זיך זעהר אָפט, איבערהויפט אין הערבסט.
אַט דאַס בלוט שיינט אזוי מיסטיש־מיד אויף דיר.
איך געה מיט דיר אונטער דעם מאַרק פון שטאָט געשריי־כעס.
אַרויס, אַרויס, ווייט פון דעם געווילד פון אומשיין,
וועלען מיר קומען צו די נידעריגע הייזער,
וועלען מיר קויפען אין א קליינער קראָם עפּעל און פייגען,
און עסען עס געהענדיג אין וועג פון הערבסט.
מיר רעדען נאָכגיביג איינס צום אַנדערן,
מיר רעדען טרויעריג, מיר רעדען לויטערע רייד,
און איך ווייס דאָך אז עס איז צו בלאַס דער שיין פון גלויבען,
וואס מיר פארשפרייטען דאַ, אומגעריכט אינ'ם וועג פון הערבסט.
שעהנע בלעטער, פלעקיגע, און בלוטיג־שרעקיגע,—
אונזערע טרויעריגע רייד... אונזערע לויטערע רייד,
פלעקיגע... בלוטיג־שרעקיגע...

# פון די שטעט.

פון די שטעט וואס זיינען אין געוויין פון חורבן פארטרונקען
געהט א רויך און ציהט זיך צו די שטעט די יונגע
וואס שטעהען ווייט פון חורבן:
נישטא אין אייך דער יתום.
ער איז נישטא אין אייך..
פון דער מוטערס ארימס זיך ארויסגעריסען,
און אוועק צום אפשפיגעל פון אייער טונקעלקייט
און איז אהין נישט אנגעקומען,
נישט באהאלטען זיך אין אייער טונקעלקייט.

און די יונגע שטעט שווייגען.

א שיף איז אין א יונגער שטאט אנגעקומען,
ביינאכט איז דאס געווען.
וויפיל האסטו חלומות אויסגעלאשען, שיף,
מיט דיין אנקומען צום ברעג?
קיין איין חלום נישט.
איז דער יתום מסתם דא ערגעץ אין דער טונקעל,
און ער באהאלט זיך אוים פאר זיין מוטער?
וואס־וויל איהם איהרע יאהרען איינטריפען מיט געוואלד,
מיט איהרע וואסעריגע בלוטטראפענס...

ער וועט אין דער טונקעלקייט זאמד ווערען, דער יתום
און וועט די טונקעלקייט פארשטארקערן,
די מוטער וועט איהם נישט געפינען,
זי וועט צו די יונגע שטעט נישט דערגרייכען.

# יעדען טאָג.

און יעדען טאָג אַז אַנדער נעפּעלפאַרהאַנג ברענגט דער הערבסט מיר, —
(די ווילדע גרויסע בערג אַנטקעגען מיינע פענסטער טרויערען זיך ברוין)
מיין היימיש הויז האַלט מיך געטריי אין זיך אַ גאַנצען טאָג און היט מיך,
און לאָזט מיך ניט אַוועקגעהן אין די אומעטיגע גאַסען און צו פריינט.
איך שפּיל זיך מיט מיין קינד און לאַך מיין פרייד אַרויס
צו איהרע קלוגע ווערטער וואָס זי ווייסט אַליין פון זיך,
און וואָס די מאַמע האָט איהר אויסגעלערנט.
און מיר איז אַזוי גוט און וואָויל ווען כ'ווער אַ גוטער מענש,
אַ וואָוילער מענש צו מיין דריי־יאָריג מיידעלע...

(כ'שטעה ווידער ביי דעם פענסטער און איך קוק אַרויס—)
די גרויסע בערג אַנטקעגען טרויערען זיך לייכט אין גאָלד:
די צופלאַטערטע צודרעהטע בוימער וואַקסען איין אין איהם צוריק,
דורך געוויין פון גאָלד.. דורך ווידו־צער פון גאָלד...
דער געדאַנק פון קומענדיגען ערשטען שניי בליצט אויף אין מיר,
אַ ווייסער וועג פון זילבער ערד צושפּרייט זיך פריי און ברייט
און איך, איך קייקעל זיך אין קילען זילבער וועג אַרום־אַרום,
פאַרקייקעל זיך עמוויט, עמוויט אַהין, אַהין, אַהין —
און לעש פון זיך דאָס הערבסטיגע גאָלד...

## די ליבע פונם שטאַרבענדיגען מיידעל

דער קלויסטער קלינגט שוין אווענטטונקעל.
די נאכט האט שוין פארלאשען אלע ליכט די שווארצע.
וואו ניט־וואו צאַנקט נאך א ליכט.
און דאס קוים־שטארבענדיגע מיידעל
שטאַרבט שוין צו דער ערד...

דאס שטארבענדיגע מיידעל האט געהאט א ליבע.
איז די ליבע אויף איהר בעט געזעסען
יעדען טאָג און יעדע נאכט.
פלעגט זי מיט דער ליבע שפּיגלען זיך
אין די רויטע בלוטינקיים וואס זי פלעגט אויסשפּייען
פון איהר נשמה...
איז דעם מיידעלס ליבע איצט דורכ'ן פענסטער ארויס.
(דער טאָג איז אינערגעץ שוין נישטא דאך)
האט דעם מיידעלס ליבע איצטער
זיך אוועקגעלייגט אינדערפינסטערניש
ביים פארקען פונ'ם קלויסטער
און זי וויינט...

און דאס מיידעל שטאַרבט שוין צו דער ערד.
שטאַרבט שוין צו דער ערד.
א גאַנצע נאַכט, א גאנצע נאכט...

## דיין גוף.

דיין גוף נעמט אַז אַ חלומדיגען אויסזעהן,
דאָס ליכט קוקט זונה'דיג אויף מיר און דיר אַזוי.
ניין! נישט אויסלעשען די אויגען אונזערע דאַרפען מיר,
און דאָס ליכט אויך נִיט אויסלעשען, פאַרטראַכט עס!
איך מאַך אַ קינד פאַר דיר און זיך צום לעבען,
און פאַר'ן קינד, וואָס וואַקסט שוין פיר יאָר מיט אונז,
און האָט זיך נישט מיט וועמען אומצושפּילען ביז איהר גרויס זיין...
מיר זיינען צוויי געשלעכטער אויפצוטרויערן די שענקייט
איבער דער וועלט מיט צוגעמאַכט־פאַרטראַכטע אויגען...
זאָל קוקען ס'ליכט זונה'דיג אויף אונז!

דו דריקסט מיך מיט אַרומגעקייטע הענט צו זיך
און מאַכסט מיר שווערער, שווערער אויף דיין ברוסט...
איך בין דיין גאָט וואָס האָב באַפרייט זיך שוין פון זיינע פליגעל
און צוגעצויגען דעם הימעל אַראָפּ, אַראָפּ — — —
כ'האָב מיט'ן הימעל פאַרשפּרייט די ערד מיינע.
ווער שרייט עס אויפ'ן וואונדערליכען קאָליר פון מיין ערד?
כ'בין אָפּגעריסען פון אַלע אויסגעטראַכטקייטען,
כ'בין אַרויסגעריסען פון אַלע גלאַנציגע שענקייטען,
איינער בין איך אויף די אויסרוישענדיגע גאַסען,
וואָס האָט די פליגעל אָפּגעפליקט פון זיך,
און זיי אוועקגעוואָרפען.

פאר מיינע פענסטער פרירט די גרויסע צייט פון דעם יארהונדערט
זי ווארפט מיט שניי־בריליאנטען אינדערהויך,
זי שטורמט פרעסט אויף און צופלאצט זיי.
זי נעמט מיט שטילע פינגער איינגעהאלטענע
און מאלט ווינטער בלומען אויף מיינע שויבען,—
די גרויסע צייט פון היינטיגען יארהונדערט.
אינמיטען אט דער נאכט.—
נישט שרעק זיך פרוי מיינע!
דאס קינד איז שוין פאראן אין דיין טונקעלען גוף,
די פעדים פון זיין נשמה זוכען שוין זיך איינס דאס צווייטע ארום,
זיי וועלען זיך די נאכט איינוועבען, איינלעבען...
יעדען טאג וועל איך קוקען אין דיינע אויגען און זעהן,
דאס קינד וואס וואקסט אין דיר.

## אפרוה.

מיין אפרוה און הערבסט אויף דעם שוים פון פארוועלקונג.
צוקרייזט זיך ארום און ארום די פארוועלקונג.
קומען צוערשט אין א קיהל־יונגען נעבעל־געדאנק
ארום שטיל די אויגען פון קומענדען פריהלינג...
און נאכדעם אין קיהלען און ווייס־גרינעם נעבעל־געדאנק,
די אויגען פון פריהער ־ פארגאנגענעם פריהלינג...
קוקען די אויגען זיך אן — פריהלינג־פריהלינג!
קוקען די אויגען זיך אן — פריהלינג־פריהלינג!
קוקען זיך אן און זיי קוקען זיך אויס
און שעהנער, און שעהנער ווערט אלץ די פארוועלקונג.
מיין אפרוה אין שוים פון דעם הערבסט...

מיין אפרוה אין הערבסט אויף דעם שוים פון פארוועלקונג.
ארום ליגען שטיקער פון קארע פארדארטער.
ארום וויינט נאך עפעס וואס לויערט פארזומערט דורך קנייטשען.
און קאן ניט פון זיך אלע פארבען אויסשפייען...
צאנקט עס און צאנקט און עס קאן ניט לעשען.
ועט טרויעריג זיין עס וועט טרויעריג זיין, עס וועט זיין!
טרויעריג טרוי איך מיין רוה אין פארוועלקונג — איך וויל!
און שעהנער און שעהנער ווערט אלץ די פארוועלקונג—און ווערט!
מיין אפרוה אין שוים פונם הערבסט...

## דער הערבסטמויער.

דער ברוינער הערבסטמויער האט זיך שוין געעפענט.
די ווינטען טראגען גרינע קייטען מיט פרוכט אין איהם אריין,
די ווינטען טראגען גאלדענע קייטען מיט תבואה.
טאג איין טאג אוים — טעג—שטיקער צאפעלדיג פייער, אהן פלאמען..
נעכט — נאקעטע פרויען טאנצען איבער א בארג מיט קוואלען.
און די אווענטען! — שפיל, שפיל ליבע לעצטע ווארימקייט!
מיליאנען פענסטער עפענען די אווענטען אינם מויער,
און פון די פענסטער פלאקערען קינדישע שטערען.
ווער עס וויל א סך קינדישע שטערען? ווער וויל א סך קינדישע שטערען?
ווער עס וויל א סך קינדישע שטערען זאל זיך אויסטון נאקעט,
און אייניגעם מיט די נעכט טאנצען ארום דעם בארג מיט קוואלען...
וועלען די קוואלען זיך פארוואנדלען אין נאקעטע פרויען,
און די פרויען וועלען זיך פארוואנדלען אין קוואלען...
וועט רוישען דער הערבסט מיט א גאלדענער לייבענשטים
און דער ברוינער הערבסט מויער וועט ארייגוואקסען אין הימעל,
אונזער גרויסער ברוינער הערבסטמויער...

## אז ס'איז הארט.

איך קלייב די שווערקייט אין מיין באהאלטעניש.
איך פארווארף די בלויע סענטימענטען אין הארצגרונט.
איך היט מיט ווערטער זיך אנטקעגען פרעמדע אויגען
און שעם זיך מיט דער שטילקייט פון מיין צער
ארויסגעהן צווישען מענשען — געה איך ניט.
און מיר איז גוט און וואויל ד ע ר ו ו י י ל...

נאר כ'ווייס אז פון חלום אפט אינמיטען נאכט,
דאס טיף־פארווארפענע שווימט ארויף אויף מיינע ליפען
און כ'בעט זיך עפעס און כ'פארגיב זינד פארטרוקענטע...
איך עפען אויף די הענט און צושפרייט זיי:
נעמט מיך אויף אייערע ברייטע, געזונטע פלייצעס!
טראגט מיך צום געשריי פון אלע הומרדיגע פיסקעס,
און איך וועל מיטשרייען און מיטטאנצען:
זאל לעבען גאט! זאל לעבען די רעוואלוציע!
זאל לעבען דאס פרויענגעשלעכט.

נאר ס'איז דאך חלום... איז דאס געשריי אזוי זיך...
און דאס געוויין — א גלאנץ אין דער נאכט ארויס
און צוריק אוועקגעשימערט אונטער דעם קול...
כ'האב קיינעם ניט אויפגעוועקט... ניט אויפגעהויבען פון זיין **רוה**,
און מיינע טרערען־זייפענבלאזען האבען אפגעשיינט
אין א רגע פון דער גרויסער נאכט...

## מיינע אויגן...

מיינע אויגן שטיפּן נאָך מיט פּראָסטיטואירטע צייטן
מיינע ברעמען לאָזן זיך אָפּט שעמעוודיג אראָפּ
און פארשטעלען מיינע אויגן אויף א ווייל...
אויף א געדאַנק־באַהאַלטעניש פון א רגע,
און נאָכדעם שטיף איך ווידער צו דער צייטונג,
מיט די גוטע נייסן, מיט די שלעכטע נייסן,
פון אונזערע פּראָסטיטואירטע צייטן...

בערג אין מיינע אויגן, שטאַרע הויכע בערג שטאַרען,
טאָלען טיפע אָהן א טראָפּען וואַסער שיין
אויסגעשעפּט האָב איך די ברודיגע לוזשעס פון זיי;
וואָלקענס ווערען אין שטויב צושאָטען —
זאַמד אין מיינע אויגן!
שווארצער זאַמד אין מיינע אויגן...

ווען איך ליג זיך שלאָפען,
קומט מיין גלייכגילטיגער עלענט צוקריכען,
און לייגט מיר שווערע שטיינער צוויי אויף מיינע אויגן;
צוגעמט ער די ווענט פון מיין חדר,
און איך ליג אינמיטען וועלט אינמיטען נאַכט...
פאַר'ן אָפּענעם קאַלטען הימעל מיט שטיינער אויף די אויגן...

גייסטער פון מתים קריכען אונטער בריקלעך,
אין דער שלאָפלאָזקייט פון טויט פון זייערען...

## אין „משיילד״ם קאפיי.

די ברוינע משייניקלעך מיט הייסער גוטער קאווע,
יעדע נאכט אויף די גלאזטישען אין „משיילד״ם קאפיי.—
וויפיל פארברענגטען זייך פון קלארער פרייד און בלאטיג גליק
זיי סימבאליזירען מיר מיט זייער ריח!
ארום די טישען גלאנצען מיאוס די נאקעטע קעפ
פון פראפעסיאנאלען, ציפער־מענשען מיט פוטער־פנימער.
רעדט מען, עסט מען — ציפערשפילערייען...
זילבער־רעדעלעך... לענגליכע פאפירלעך אלטע און נייע...
עסט מען, עסט מען, עסט מען, טרינקט מען.
עסען אלע איניינעם, טרינקען אלע איניינעם
דאס קלינגעריי פון טאצען, גאפעל־מעסער יאגט אוועק דעם ריח
פונם קאלעקטיווען עסען, טרינקען... פלאכען שמייכלען...
די קעלנערינס, אין ווייסע פארטוכער און משופיקעס,
זיי סימבאליזירען מיר די זיידענע רוה
וואס איז פארברענט געווארען ערשט נים לאנג:—
האט מען זיי פון ווייבען בעט ארויסגעטריבען אין די לעצטע העמדער,
און דאס בעט פארברענט...
(די ברוינע משייניקלעך מיט הייסער גוטער קאווע!)
טרינק איך מיר מיין קאווע, בעט איך זיך ביי זיי
מיט נוטע ליכטיגע בליקען:—
קומט מיט מיר, קומט מיט מיר...
מיין בעט איז גאנץ, מיין בעט איז גרויס און ברייט,
איך וועל אייך לאזען שלאפען, שלאפען שפעט,
קומט צו מיר אין בעט!

(די ברוינע משייניקלעך
מיט ברוינער קאווע!)

## א הינטער-גאַס אין מאָנטרעאָל.

זונטאג אווענט. די הינטערגאס אראָפּ אראָפּ פון שטאָט, איז שטיל
די גוים, מיט פארוועלקטע פּנימער און ערדערנע הענט
געהען אום אויף די טראָטוארען אַרעמגייסטיג.
שטויב און בלאַסע שטיקט דעם אָטעם און די בליקען.
און פון די קרעמלעך קוקען אַרויס אַלטע אָרימע סחורות.
שוואַרצע פעטע פענסטערשויבען עקעלהאַפטע
אפגעשטויבטע — אָרימקייט! פארצווייפעלט-גלייכגילטיגע אָרימקייט!
און פון די „הייזלעך" קוקען אויסגעדינטע בלאַסע מיידען.
רופען מיט די אויגען, מיט די אייביג-טרויעריגע אויגען.
(מיט די טיפסטע אוינען ליידען וואס עס איז פאראַן ביי פרויען!)
פלוצלינג ווייזט זיך אויפ'ן גאַס א ברוינער איטאַליענער מיט א קאַטערינקע.
האַרטע קנייטשען אויפ'ן פּנים, האַרטע ליפּען, — טרויעריגע אויגען.
נעמט ער שפּילען — לייכטע רעגענבויגענס געהען אויף אין זיינע אויגען...
שפּילט ער טרויעריג און בלומיג-דאַרנדיג.
שפּילט ער זונטאג-אווענטיג.
שפּילט ער רעגענבויגענס פארביג-שטאַרבענדיגע.
שפּילט ער שלאַנגען גרינע, בלויע... גאָלדיג-שטאַרבענדיגע.
שפּילט ער — קליינע פענסטער אָפענע — — —
פון די פענסטער קוקען יונגע מיידלעך גאַרנדיגע.
שפּילט ער שטאַרקער... שטאַרקער און אַלץ שטאַרקער.
שטעהען שוין די מיידלעך אויף א הויכען מויער.
שפּילט ער שטאַרקער נאָך און שטאַרקער נאָך.—
שפּרינגען לאַכענדיגע, לאַכענדיגע אַלע מיידלעך
פונ'ם הויכען מויער...
שפּילט ער שטאַרקער...

אינמיטען נאָס שפּילט ער עס אַזוי.
יעדען זונטאָג אָוונט קומט איהם אָן דער צער פון שפּילען
ס'ווייסען עס די „מיידלעך" און זיי קוקען דורכ'ן פענסטער.
און ביי אַ שוועל אַ שטויביגער פון אַ זייטיג הויז,
זיצט אַן אַלטע אוקראַינישע גויע׳
הערט זיך איין צום שפּילען אומעטיג־שטום,
זעהט זי אויס דאַן ווי אַן אַלטע אידישע מאַמע,
זעהט זי אויס דאַן ווי מיין באָבע עליה השלום,
אין וויטען שטעטעל דאָרטען,
אין וואָלינער גובערניע...

שפּילט ער עס אַזוי יעדען זונטאָג אָוונט,
די האַרעפּאַשנע גוים: רוסען, איטאַליענער
שטעהען ביי די פענסטערלאַזע שוואַרצע טירען פון די הייזער
און באַגלייטען אידיש־אומעטיג אַרוים דעם זונטאָג,
אויבען אין הימעל ווערט שוין די לבנה געל און לעבעדיגער,
און ס'ווערט שוין טאָקע טונקעלער.

ביז עס ווערט שוין גוט פינסטער
שפּילט דער איטאַליענער... טונקלער, טונקלער...
ביז עס ווערט שוין גוט פינסטער...

## צולעכערטע שאָטענס.

### 1.

שפּיל מיר בלויז אויף דיין געבליבענעם רויטען הערבסטבוים
אינמיטען וועג ווייט פון טייכען, ווייט פון קרעניצעס,
ווייט פון בערג־קאַראַוואַנען איבער דער גרוי פון סטעפּעס:
שפּיל מיר דאָס געזאַנג פון יענעם פייער,
וואָס לויערט אויף מיינע שאַטענדיגע טריט!

וואָס האָסטו מורא? וואָס האָסטו מורא? —
מיינע אָפענע טירען זאָגען קיינעם גאָרנישט אויס,
פון מיינע פענסטער פאַלט די שיין פון טאָג אַרונטער טויט,
וואָסזשע שרעקסטו זיך, וואָס האָסטו מורא?
איך האָב די לעצטע פעדים פון דער זון פאַרוואָרפען,—
כ'האָב גאָרנישט צובינדען מיט זיי געקענט,—
אַלץ איז צופאַלען...

שפּיל מיר אויף דיין רויטען הערבסטבוים
פון די קראָען וואָס האָבען מורא פאַר זיין רויטקייט,
און פליהען אַרום איהם מיט שרעק אַרום.
איך וועל הערען... הערען און וועל שטיל זיין
ביז צום קילסטען האַרייזאַנט פון מיין געדאַנק...

.2

אריבער די גרויסע שטיינשטיבער פון דער שטאט
זיינען דא דערפער און דערפער אהן שעור.
פארען די מענשען פון שטאט זיך זומערען אהין
זיך אפקיהלען פון די צוהוזשעטע תאוה'ס.
און פון די טרייסטענדיגע קונסטען:
פון צופיל פארקער מיט פרויען—פראסטיטוטקעס.
וואס האבען שוין קיין סאמעט ניט אויף זייערע לייבער...

אין אט די דערפער איז שטענדיג טיפער טרויער.
עס מאנט די גרינקייט א תיקון יאהר איין יאהר אויס.
און האט נישט קיין תיקון...
סטארעם בהמה'ס. סטארעם שעפסען,
ריחות פון שוויים מיט גראז און מיידעלאומרוה.—
און טיף־טרויעריג איז די גרינקייט פון די דערפער...

די פויגעל זינגען דאס געזאנג פון שווינדזוכט־מעלאנכאליע
אויף די טרויריג־גרינענדיגע בוימער,
און עס געהען ארום די צוהיצטע שטאטמענשען
און בעטען יעדען טאג אויף רעגענשפיל פון הימעל...

קומט א רעגען פון הימעל,
אטעמט אויף געטרייסט די פארשאלטענע גרינקייט.
דאס הארץ פון דער ערד דערשפירט דעם הימעל,—
חלומ'ט אויף א רעגענבויגען אינדערהויך,
חלומט אויף א תיקון...

.3

די אויגען וואס שפילען דאס ליד פון פארגעבונג דער וועלט
זייגען שטערען וואס קאנען צום הימעל נישט קיינמאל דערפליהען.
זיי זוכען די קראפט אין די סתירות פון צער און פון געלט,
און קאנען קיינמאל ניט צו זייערע תהומות דערציהען...

די זינד טרייבט נישט קיינמאל די פלאמען אראפ פון איהר לייב.
זי בליצט אויף אין פונקען מיליאנען און יאגט זיי ארויף אינדערבלוי,
און דארטען פארנעמען זיי זילבערליכט־כשוף. עס לייטערט דער שטויב
זיך פון זיי און זיי ווערען פארוואנדעלט אין טראפענס פון טוי...

זיי פאלען אויף גאסען אין מילדע פרימארגענס און בעטען זיך גראז
זיי בלאנדזשען אמאל אין די אויגען אריין פון אן עלטערען פערד...
וואס טראגט שוין די חתימה פון טויט אויף זיין טרוקענער נאז.
און שטיינערינ הארט אונטער איהם ווערט די גוטע און פעלדיגע ערד..

.4

די ווערטער וואס שרייען אליין זיך ארויס
זיינען עקעלדיג־פייכט... זיינען אומזיניג־לייכט
אהן ביינער, אהן שטיינער פון ערד,
אהן בלענדונג פון רוים...—
ממזרים וואס קומען ארויס בלויז פון מיידעלשע טעג,
אהן דער זרע פון מענערשע נעכט...
א ווינט טוט א בלאז און געמיט
און ס'ליגען שוין הויפענס מיט ווערטער,
אויפ'ן גאנצען ברייטען שליאך פונם צונג
און ביי די ראנדען פון די ליפען..

אויפ'ן וועג פונם רעש צו דער רוה —
א מיסט פון לייכט שוועבענדיגע ווערטער.
זיי גלאנצען מיט ווינטיגען וואסער,
מיט מיאוסער פעטליכער זאטקייט
וואס קערט צו ברעכען...

מיט פארמאכטע אויגען לויף איך דורך דעם וועג,
און צומרעט די פייכט־מיאוסע ווערטער...

.5

בלינדפיסיגער, בלינדהענטיגער, בלינדזעליגער,
האסט זיך אוועקגעשטעלט אין גרויסען פייערליכט
און האלטסט דיין קאפ מיט אויגען אפענע, ארויף־ארויף,
מיט פולע אויגען מורא־ליכט.
און אנגעבונדען האסטו אויף דיין האלז דאס אומגליק פון דער וועלט
און שלאגסט עס מיט געבאלטע פויסטען טאג און נאכט;
און פונם אפגעשיילטען רויען שאלעכטס פון יאהרטויזענטער
האסטו שעהנע טאוולען צו דיין ליידיג בוך געמאכט...

בלינדפיסיגער, בלינדהענטיגער, בלינדזעליגער,
האסט ארום לעבען מיינעם א שווארץ פייער אנגעצונדען,
און שטעהסט א נאקעטער ביים פייער און דו טריקענסט
דיינע אייטערדיגע וואונדען...

.6

צוריסענע האסטו גארנישט. אלץ איז גאנץ ווי ס'איז געווען אין אנהויב צער,
די קייטען האבען בלויז א קלונג-געטון און זיינען גאנץ.
פארכשופ'ט אלע טויערען... פארכשופ'ט אלע תפיסה'עס נאך...
עס געהט ארום דאס אומגליק, קלייבט אויף וואך נאך וואך.
און יאהר נאך יאהר און גרייט זיך צו דעם גרויסען טאנץ.

ס'איז שטיל, ס'איז שטיל... ער וויל און מאכט אזוי די שטילקייט.
זי היט איהם אפ. זי זאגט נישט אוים זיין שרעק ארום.
זי געהט מיט ווייכע הענט ארום דעם חורבן וואס ער מאכט,
און גלעט און ווינט אלץ איין מיט טרויעריגקייט זאכט,
און ער קלייבט יארען אויף פון אלעמען, פון אלץ, פון אומעטום...

און קומען וועט ער אויך ווען שטיל וועט זיין, ווען נאכט וועט הויערען דורכאויס,
און אפשטעלען דעם אויפהאנג פון דער זון אין אנהויב גלוט.
וועט רויט ווערען דער הימעל, וועט ער אנרויטען די גאנצע וועלט
וועט אלץ פארשטיינערט זיין די שטאט, דער וואלד, דאס פעלד,
וועט אלץ פארגליווערען אין רויטען סם פון בלוט...

## דאָס קוים-שטאַרבענדיגע מיידעל.

מיט אויפגעריסענע אויגען קוקט די ערד צום גרויסען הימעל.
דאָס מיידעל וואָס וואוינט אינ'ם ווייסען שטיבעל דאָ אין דאָרף
ליגט אין בעט ביים אָפענעם פענסטער
אָפּגעדעקט, אין אַ ניי־ווייס העמד.
שעמעוודיגע רויזען רייסען זיך פון אירע באַקען,
און האָבען מורא אוועקפליהען.

דער ערשטער שניי איז שוין צוגאַנגען,
אַ פרילינדיגע גרויקייט ברענגט די זון אַרויס,
קומט אַרויס די נייע זון,
צינדט אָן די שוואַרצע ליכט
וואָס שטעהען אויף די ברייטע פעלדער...

דער קלויסטער פון דאָרף הויבט אָן קלינגען
קלינגט ער, קלינגט ער אין דער זון אַריין,
זעצט זיך אויף דאָס קראַנקע מיידעל אויפ'ן בעט,
הויבט אָן באַטראַכטען איהרע געלע הענט,
נעמט דער טויט זיך אָן מיט אַלע כחות,
און קריכט אַרויס פון אונטער איהר בעט,
און קושט איהר אין די הענט...

און ס'איז אַזוי שטאַרק דער פרילינג אויף דער וועלט
און ווייט וויייט איבער אַלע אָפּגעדעקטע פעלדער
ברענען די שוואַרצע אַנגעצונדענע ליכט,
און דאָס מיידעל אויפ'ן בעט אין ווייסען שטיבעל
ליגט מיט צוגעמאַכטע אויגען
און זעהט די מיליאָנען שוואַרצע ליכט אויף די פעלדער ברענען...

## א הערבסט ליד·

איך ווייס שוין גוט געגוג וואס ס'ליגט פארבארגען אין א געפאלענע הארץ
פון ליבע,
אין אזא דערהויבענע הארץ ווי מיינס, דערהויבען פון שטיין און פעלז,
ליגט אן איינגעפאלענער פארגליווערטער הערבסטבוים שטיינעריג...
איך ווייס וואו אלע קלאנגען ווערען צושטויסען און צובראכען.
איך ווייס וואו ס'פאלט דער לעצטער גרויער טראפען לופט פון אן עבא.
וואס א געפאלענע הארץ באקומט נאך שווערער תפילה און וידוי...
נאר יענער שרעק וואס שטיינט אינם פארגליווערטען בוים אין מיין ברוסט.
דערפיהל איך נאכניט... נאכניט... נאכנישט...
כ'שאר אפ פון זיך אזויפיל גלויבענפולע טעג און יאהרען.
די האנט וואס לויפט צו מיר יעדע וויילע מיט א קרוין אנצוטון,
שטופ איך אוועק און בויג מיין קאפ צו דער אייביג - גרויסער ערד
וואס חלומט מיין קבר אין א בארג פון שטיין...
עד, איהר יונגעלייט מיט ראזירטע בערד און קעפ געשארענע,
איהר האט נישט געפרואווט נאך אויסוואנדערען דעם ים פון הערבסט,
אויף דער ציטעריגער שיף פון אייער לעבען.
איהר שלינגט דעם שוים פון טעג און דעם שוים פון ליידען
און בלייבט באלד מיד ווי פוילקייט פאר רעגענפרייד,
אטמענדיג מיט שוואכע ליפען דעם שטויב פון דער לופט.
בערג מיט געדאנקען ליגען ביי די ראנדען פונם הערבסט ווי דארע צווייגען,
און ווארטען אויף איינעם פון אייך, א גוטען רויכערער,
וואס זאל מיט'ן ערשטען שוועבעלע זיי אונטערצינדען,
אוי וועלען זיי זינגען פייעריגע פארביגע קוהלת-פלאמען!
און אויסשיטען פאר אייערע בארוועסע פיס א קיהלען זאמד א שענעם,
א קיהלען, הערבסטיגען שבת.

# צו די כוואליענדיגע שאף.

צו די כוואליענדיגע פארשאלטענע שאף אין די וואלקענס די געטריבענע אינדערהויך
רופט מיין געדאנק דורך נעפעל און סוד אזוי טרויעריג:
צו דער קומענדיגער זון אין בלוטיגער דערווארטונג רופט ער,
און גערט ווייך און סענטימענטאל ווי א מיידעל אין הערבסט־שעה פון פריהלינג;

זון, דו ביזט דאך אלץ נאך די פרוי פון אלע לײדיגע,
היסטערישע אינטואיטיווע צוזאגען צו מיר, צו מיין פרוי און קינד,
האסט גארנישט פאר מיר אויפגעדעקט און גארנישט צוגעדעקט,
גארנישט געבראכט און גארנישט צונעמען געקענט,
צו מיין בעט קומסטו יעדען אינדערפריה,
און ווארימסט אן דעם דיל נעבען מיין בעט — געה איך אראפ,
וואש מיינע הענט און פנים מיט פארדעכטיג ריין וואסער,
אומזיכערע פרישקייט טריפט פון מיינע ברעמען אפ.
(פרישקייט?... אומזיכערע פרישקייט!)
איך זאג דיר, אז נישט אלע מאל וועל איך זיך לאזען אויפוועקען,
נישט שטענדיג וועל איך אויסליידען דיין ליכט אין זיך,
און עס אוועקטראגען אין די נאכטנארעס פאר מייזעלישע שאטענס,
וועסט מיינע ביינער נישט אויסזוכען אפילו קאנען,
איך ווארף לאיבוד דיר דאס זינדיגע אפשפיגלען פון מיינע אויגען
און באווייז דיר זאכען וואס דו טארסט נישט זעהן,
וואס דו דארפסט נישט זעהן...
איבער פעלדער פון פראסטע צייטען מעגסטו זיך שטיפען,
מיינע, יאהרען ליידען דיך נישט,
מיין צייט טריוט דיר נישט דאס לעבען מיינס...

## צובראכען.

צובראכען די בריק אויפ'ן בלוטיגען טייך.—
עס קוקען צוויי פעלזען זיך אן פונדערווייטען.
עס קוקען צוויי פעלזען אין בלוטיגען טייך,
און היטען דעם בלוטיגען טייך,
און שפיגלען אין איהם זיך...

עס איז אויף די פעלזען געהאנגען דער בריק,
עס האבען די פעלזען זיך לאנג נישט געזעהן;
עס איז פאר די פעלזען א וואונדער געשעהן —
צובראכען דער בריק איפ'ן בלוטיגען טייך,
אינמיטען דער נאכט און אוועק מיט'ן בלוטיגען שטראם,
האבען די פעלזען זיך ווידער דערזעהן.
אריבער'ן בלוטיגען טייך...

מען וועט שוין נישט בויען קיין אנדערען בריק,
מען קאן שוין ניט בויען קיין אנדערען בריק...
נאר מעגליך אז ס'קאן אמאל קומען צוריק
מיט'ן בלוטיגען שטראם דער פארטראגענער בריק,
זיך לייגען אליין אויף די פעלזען צוריק,
אריבער דעם בלוטיגען טייך...

אין פינסטערער נאכט ווען ס'איז קיינער נישטא,
אויף דער וועלט ביי די ברעגען פון בלוטיגען טייך,
ציהט זיך איין פעלז צו דעם צווייטען פון ברעג,
אריבער דעם רוישיגען בלוטיגען טייך,
נאר קורץ איז די פינסטערניש דאך פון דער נאכט,
צעוועבט זי און ס'ווערט מיט דער רגע אויס נאכט,
כאפען צוריק זיך די פעלזען אין אייל,
און ס'איז שוין די זון אויפ'ן בלוטיגען טייך...
דערזעהען די פעלזען פונוויטען זיך שטאלץ —
דער בריק איז אראפ און די נאכט איז אראפ,
א וואונדער געשעהן און דער בריק איז אוועק...
און וואונדער געשעהען — די נעכט לויפען אוועק!
שפיגלען זיי זיך אינ'ם בלוטיגען טייך,
מיט'ן טאג, מיט דער זון אינ'ם בלוטיגען טייך...

אז אומגליק־וואונדער וועט שוין געשעהן,
דער בריק איז צובראכען, אוועק,
דער בריק וועט נישט קומען צוריק,
דער בלוטיגער טייך וועט זיין פריי,
מען וועט שוין נים בויען קיין אנדערן בריק,
מען דארף שוין נים בויען!
עס וועלען די פעלזען שוין איינביג זיך זעהן,
און זיך שפיגלען און שיינען,
מיט'ן טאג, מיט דער זון,
אינ'ם בלוטיגען טייך.

## כ׳האָב געקאָנט ביז איצט..

וואָס איך האָב ביז איצט געקאָנט
האָב איך פון זיך געמאָנט.
און וואָס איך קאָן פון זיך ניט מאָנען
שענק איך זיך דערווייל...

וואָס איך האָב געוואָלט,
האָב איך דורך חלום־גאָלד,
זיך ביז אצינד באַצאָלט,
און וואָס איך וויל נישט באַצאָלען
צאָל איך ניט דערווייל...

(אין ווינקעל שטעהט א שווערד,
א רידעל — אין דער ערד:
אין וויגעל ליגט א קינד.
אין שפּיגעל — מיינע זינד...)

וואָס איך האָב געקענט
האָב איך אין זיך פארברענט,
און וואָס איך קאָן נאָך ניט
פארברענען טיף אין זיך,
בענש איך שטילערהייט,
לויב איך שטילערהייט,
ליב איך נאָך דערווייל...

(אין ווינקעל שטעהט א שווערד,
א רידעל — אין דער ערד.
אין וויגעל ליגט א קינד,
אין שפּיגעל — מיינע זינד...)

## מיינע.

אויף דיין פורפור־קאנוואולסיוועז וואסער
וועט דורכשווימען א שיף מיט ווייסע זעגלען — הערבסט.
זאלסט די שיף בשלום לאזען שווימען,
זאלסט די זעגלען נים פארפלעקען מיט דיין טרויער
וואס לייטערט און פארפלעקט.—
די שיף איז מיינע...

אויף דיין טויטען שטערנלאזען הימעל
וועט אויפפינקלען א קליינער רחמנות'דיגער שטערען — הערבסט.
די וואלקענס וועלען איהם נישט פארשטעלען.—
קוק ארויף צו איהם אינדערהויך
און היט זיין פינקעלדיגע רחמנותדיגקייט.—
ס'איז מיין שטערען.

אויף דיינע גייסטיג־פאריאושטע שטעט
וועט א שאטען א צוריסענער לייגען זיך,
און די נאכטלאמטערענס ביי די טראטוארען
וועט ער זיין אין וועג,
לאז דעם צוריסענעם שאטען נים אוועקקערען אין מיסט,
וואו קעץ רויען זיך און זעטיגען זיך.—
ס'איז מיין שאטען...

## הערבסט אין מאָנטרעאל.

נעלעגען איז די שטאָט א קראַנקע סעגען באַרג
און פון איהר מויל האָבען נעזעצט אומגעזונטע ברודיגע נעפלען.
דער זומער האָט פאַרשעמט געשפּינט דעם סעפּטעמבערס גאָלדען קלייד
דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזט און די אויגען פול מיט זאַנגווילדקייט.
וואָס האָט דערבליהט אין וועלקענדיגקייט און שפּאָט.
האָט דער ערשטער בוים, וואָס איז געוועזן דער ליידיגסטער, געטראַכט:
איך וועל אדיינלויפען אין שטאָט און אויסשרייען: ס'איז הערבסט!
פאַרוואָס צובּרעכט איהר נישט אייערע מויערען און פּאַלאַצען ?! —
די בּוימער אלע זיינען ליידיג אויפ'ן בּאַרג און ווייטער.
קומט זעצט זיך אויף די נאַקעטע צווייגען אויס.
און זינגט דאָס ליד פון אייזען וואָס שעלט דאָס גאָלד,
און פונ'ם גאָלד וואָס שעלט דאָס זילבּער,
ווייל אויף זיי אלע יאָגט אייער בלוט פינסטער־איין־פינסטער־אויס...
נאָר פלוצלינג האָט דער ליידיגסטער בוים דערשפּירט אין זיין געטראַכטקייט,
אז ער איז נאָר דער קלענסטער און אז ארום איהם,
דרעהען זיך ערשט צעהן געשפּענסטער פון זומערן;
האָט ער זיין געדאַנק פאַרמאַכט און געשוויגען מיט טויטע שוואַרצע צייהן
און פאַרגעסען זיך מיט אלע בּוימער פונ'ם בּאַרג...

## הייליג.

הייליג, הייליג, הייליג.
הייליג איז די דובינע אין דער דובינע־האַנט.
א צירונג־רינג ארום אייראָפּאַ'ס קונסט.—
א קייט פון תליה'ס הייליגע... אייביגע...

א ווייסע פּאַפּירענע פאַן פלאַטערט, קנאַקט.—
ביינער הערען אויף צו וואַקסען.
הענט שפּילען זיך מיט פּאַפּירלעך
און פארשפּילען זיך אין שפּעטער נאַכט אריין.
די דובינע איז פארפוילט געבליבען ליגען
נעבען די דינע פיס די טויטע.
און דער זשאַוועך פון דער האַק האַט געשריען:—
לא תגנוב!
לא תנאף!
לא תרצח!

לעבער איז דער נאַכט... לעבער...
רינט וואַסעריג בלוט. וואַסעריגער מאָרד.
רינט חזירפעטס.
שרייט דער זשאַוועך פון דער האַק:—
לא תרצח!
לא תרצח!

די טויטע הענט שפּילען זיך מיט שמות
וואָס דער ווינט האָט געבראַכט צוטראָגען...
די טויטע הענט מיט האָר פארוואַקסענע
ווילען קיין פליגעל ניט ווערען...
דער ווינט וועט זיי פון אָרט נישט רירען...

## וויים איך דאָך...

וויים איך דאַך אַז דיינע וועלטען קאָנען שוין ניט העכער וואַקסען.
און מעהר ווי גרינגראַז וועט די ערדען דיינע קיינמאַל נישט פאַרשעהנען.
און אַלע קיילעכדיגע נולען וועלען דרעהען זיך אַרום די רויכען־אַקסען.
און קיינער וועט נישט וויסען צו דאַם מיינט געלעכטער אַדער וויינען
איך וועל שוין נישט לאַכען.
דו וועסט שוין נישט וויינען...

מיט מיר ביזטו אין זיכערקייט פון לייכטער פייערליכקייט אומגעשוואומען.
איך האָב די צווייפלען וואַס באַשימערן מיין גלויבען פאַר דיר אויסבאַהאַלטען:
איך בין נישט דיינער, ניין, איך בין נישט דיינער, איך בין בלויז געקומען
זיין אַ שפּיגעל דיר, דיר ווייזען דיינע קינדיש־ליכטיגע געשטאַלטען...
איך וועל שוין נישט לאַכען.
דו וועסט שוין נישט וויינען...
איך דרעה זיך אויך אַרום שוין ווי אַ נול אַרום אַן אַקס פון רויך פון גרויען.
דו האָסט שוין אַלץ געזעהן. אין מיר און ביזט דיין וועג אָוועקגעגאַנגען:
עס וויינט אין מיר דיין בונטגעשטאַלטונג און דיין אָפּשפּיגלונג אין שיין
אין בלויען.
עס וויינט אין מיר דאַס אַש פון דיינע אויסגעברענטע רויםפאַרלאַנגען.
איך וועל שוין נישט לאַכען.
דו וועסט שוין נישט וויינען...

## פון דער בלויער ערד (פראגמענט)

אין מיין יעדען טויטען חלום געהט אויף א קאלטע זון דארט נאך ווילדער נאכטקעלט.

קאלט און ווייס און גלייכגילטיג און רוהיג, רוהיג.
שטעהען גרויע שייערען פארמאכטע ביי שטיבער אהן פענסטער.
שטרויען צעווארפענע ביי די צוגעמאכטע טירען פון די שייערען —
ס'הויבט קיין שטרוי פון דר'ערד ניט אויף זיך, רירט זיך ניט.—
ווייל דער ווינט ליגט ביים ברעג פון רוה פארגליווערט.
איינגעזויגען פונ'ם ביטערן זאמד, פארסמ'ט פון רוה.
נאר די רוהיגקייט זיפצט אהן אטעם.
ווייל ס'איז א געוואלדיגע משא, גרויסע שווערקייט.
וואס חלש'ט נאך ווינט, נאך באוועגונג.
נאך דערשפירונג פון א נייעם ארט...
נאך איבערטויש פון צייט... נאך איבערדרויש פון ווייט...
נאך איבערצייט פון ארט, און הויכקייט... אויפהויבונג;
א שפיגעלטון זיך און א שיין, א בליץ טון איבער א טונקעלקייט!

יעדען אוונט פארגעהט א פראסטיגע זון דארט, נאך ווייסען טאג.
עפעס וויל א שיין טון אין מיין טויטען חלום. — חלומ'ען.
נאר דער סם פון רוה־זאמד האט די משא שווער.
צעשווימען זיך די גרויע שייערען — אהער א וואנט, אהין א וואנט,
אהן באוועגונג צעשווימען די טויטע שייערען...
עם ווינטיגען און צעווינטיגען די ווענט.— אהן באוועגונג...
ווינט־ווענט, ווענט־און־ווינט אהער אהין.— אוים ווענט! אוים ווינט!
ווי זאל איך אהין ארייננקומען?! ווי זאל איך ארויין!
וואונדערליכע קאלירען־אימפולסען גליווערען אין חושך.
און ס'הויבט זיך ווידער אויף א קעלט, די נאכט קעלט.

## ערד.

די ניט פעסטקייט פון דער ערד אונטער די טריט מיינע,
מיין ניט פעסטקייט אויף מיין נאכקרימענדען שאטען,—
זאל עס קומען פאר א ליידיגען הימעל אינדערהויך און בעטען.
ווען דאס בלוט מיינס שטיקט אין זיך דעם אומעט
איז א גרויסער קבר פאר מיר אפען,—
ווער קאן מען עס פארטרויען וואס מען זעהט?
ווער קאן מען דערצעהלען וואס מען צווייפעלט מעהר ניט?—
אין די צימערען דרעהט זיך מיין פרוי אליין... מיין קינד אליין...

געה איך ווידער צו דעם פענסטער, צו דער גאס,
זעה איך דאס נעכטיגע און דאס מארגענדיגע,
און אביסעל פונס איבערמארגענדיגען אין דער גאס...
הויבט אן שטילערהייט דאס בלוט מיינס פעשטשען זיך,
וויל עס ווייגען, ווייגען נאר אביסעל, ביז...
אהן א טרער, אהן סענטימענט, אביסעל, ביז...
נאר — איך זעה אביסעל פון דעם איבערמארגענדיגען,
שווייגט דאס בלוט מיינס...
ווינקלען פון אן עלענט הויז, מיין עלענט הויז,
באהאלט זיך מיין קינד פאר זיך אליין אין א ווינקעל
און שלאפט איין — מיין פרוי שלאפט אויכעט איין —
(נאכט אין אלע ווינקלען!)

שטענדיג ליגט מיר פאר'ן אויג א גרין־געלער מיסט
פון אלץ וואס רוקט זיך אוועק פון מיר, פויזענדיג,
און מאכט נאך ווייכער די ניט פעסטקייט פון מיינע טריט.

## אויפ'ן מאַרגענשפּיץ.

אויפ'ן מאַרגענשפּיץ זיצט א שוואַרצע עלענטע וואַראָנע.
וואס וויל די וואַראָנע אויפ'ן מאַרגענשפּיץ מתקן זיין?
ריינע פּאסען ליכט וויקלען זיך ארום דער ערד דער נייער,
און ווערען בלוי און גיסען זיך אריין אין הימעל...
אויפ'ן מאַרגענשפּיץ זיצט א שוואַרצע עלענטע וואַראָנע,
און זאָגט דער וועלט אַז אַז עס קומען ווינטען פון אומעטום:
אַז עס קומען גרויסע ווינטען אַז פון צפון וועלט און פון דרום־וועלט,
און די זון פון מזרח וועט שוין מערב'דיג ווערען,
און איינגעמען די וואַרימקייט אין זיך,
און ס'וועט ווערען ווינטער.

אויפ'ן מאַרגענשפּיץ זיצט א שוואַרצע עלענטע וואַראָנע.
מעלאַנכאָלישע שטיבער קוקען אינדערהויך צו איהר,
ריינע פּאסען נאַכט שיילען זיך אראָפּ פון בלינדע פענסטער,
און ווערען בלוי און גיסען זיך אריין אין הימעל.
די ערשטע סטעשקע איבער טאָג הויב איך אַן אויסטרעטען,
זעה איך בלויז די וואַראָנע אין דער גאַנצער הויך.
און פון אונטען קוקען די מעלאַנכאָלישע שטיבער, ארויף,
און אַט קוקט שוין די וואַראָנע צו מיר ארונטער...
אלע מעלאַנכאָלישע שטיבער קוקען שוין אויף מיר,
און די טונקעלע פענסטער קוקען שטאַר אויף מיר,
און ווערען ליכטיגער און ליכטיגער...
מיר איז קאַלט און שנייאיג —
עס וועט ווערען ווינטער...

## קינדער.

די שענקייט פון אומענדליכען לוסט פון די פרויליכע אויגען
שיינט איצט אויף דער מאַי־שטאָט — ס'איז זומער ארום און ארום.
ווי ווייס־ריינע הינער, די מיידלעך אין ווייס־דינער קליידונג,
אין שטרויענע היטלעך, און פנימער זינדיג און פרומליך און כלומר'שט...

איך האָב זיי ניט ליב אָט די מיידלעך די פולע מיט ליבע אין זומער,
כאָטש כ'ברען צו זיי אָפט און פארלעש אין זיך זינדיג דעם פלאַם פון מיין זינד,
כאָטש שלאָפען וואלט איך מיט זיי אלע געקאָנט און אודאי געוואלט —
מיין גוף איז באַשיידען, באַשיידען און שלאָפט אַזוי מיד אזוי שטום
ביי דער זייט פון א פרוי, און ביים זייט פון דער פרוי א קליין קינד,
ס'איז מיין אייגען קליין קינד — איך האָב עס געבראַכט אויף מיין וועלט,
און האָב איהר געגעבען מיין וועלט...

און די פרוי וואס מען שלאָפט מיט איהר שטענדיג איז אויך דאָך א קינד
די אומשולד פון קינדישע טויטען און לעבענס רוהט דאָך אין איהר לייב.
אויף איהר שלאָפענדען פנים פארנעבלט דער טריבער געדאַנק,
וואס דער מאַן קאָן ניט אויסרעדען קיינמאָל פאר איהר,
און געהט מיט איהם אום אין די כעס'יגע אויגען,
ביי טאָג אין דער שפעטקייט פון זון,
און ביי נאַכט אין דער שפעטקייט פון חושך.
דער מאַן — אַזא מאַן ווי איך..
א פיל־פארלירענדיגער און פיל פארוואָרפענדיגער...

# מען זאמעלט אוצרות.

מען זאמעלט אוצרות אינדערמידקייט, אינדעראלטקייט, אינדערפינסטער.
צושפּאַלטענע נעכט, צוריסענע טעג—אויף שמוץ פון גאָלד און בלוט,
רויען זיך די קראנקע קעץ פון עלענט און פון אמביציע
און צוקריכען אינם שמוץ פון גאָלד און פארבען מוטנע.
עס רייסען הענט זיך פון די פולע געלדיגע קעשענעס ארויף, ארויף...
און וועלען רופען, וועקען, מיטנעמען מיט זיך אהיז, אהיז — — — —
וואוהין? ווער ווייס? ווער גיט זיך אפּ א חשבון דען דערפון?
צו הארט געווארען איז די ערד אונטער די טריט, אונטער דעם יאָך,
צו שטארק די יארען הימל וואס טרונקען רויכען פארשכור'נדיגע...
נאָר דאַרטען, וויימער פון דער הארטער ערד איז הארטע וויסטעניש,
בלינדע גרינקייט שטעכיגע פון וועלדער און פון פעלזען.
גרויט און גרינט ארונטער די אומבאהאָלפענקייט פון אלץ
וואס קאן אן אָטעם טון, וואס קאן א פלאַטער טון, וואס קאן א קוק־טון...
זונליכט און לבנה־ליכט און נערוועזע עלעקטריציטעט —
בלענדען איינם אין צווייטען זיך ארייז, און — נישטאָ קיין ליכט!
גרויקייט פון דער שטאָט, גרינקייט פונם פעלד, וויסטקייט פון מיין בליק,
אַלץ איינינעם — אַלטקייט, מידקייט, פינסטערקייט, אָפענע וואונדען,
אָפּט, אינדערפריה אין הייסען גאָלדצושמאָלצענעם יולי־זומער,
טו איך מיך ניט אָן, איך געה א נאַקעטער ארום אין צימער
הינטער צוגעמאַכטע לאַדען און פארקייטעלטער טיר,
האָב איך בלויז אָט דעם איינציגען געדאַנק:
א גרויסער שווארצער צער־לייַלעד דארף זיך אויסשפּרייטען אינמיטען
טאָג־רוויש פלוצלינג

און אלץ פארדעקען אויף א ווייל, א קורצען ווייל נאָר,
און אלץ און אלע וועלען זיך דערקענען דורכ'ן שווארצען טרויער,
ליגען אויסגעצויגען מיט די פנימער צו דר'ערד, נאָכגעבענדיגע...
און בלוט וועט רינען פון יעדענס אויגען...
בלוט און פינסטערניש!
בלוט און פינסטערניש.

# באמערקטע דרוק-טעותים.

י צווייטע שורה פונם ליד „אין קלארע וואסערן“, ז. 23, דארף זיך לייענען: טראגט ווי אויף וועלען טונקעלע מיין גלויבענדיגען אומעט.

י עלפטע שורה פונם ליד „א פלויט“, ז. 35, דארף זיך לייענען: עס קומען די רויבפויגעל צום ראנד פון מיין וועלט.

י זיבעצענטע שורה פונם ליד „א הינטערגאס אין מאנטרעאל“, ז. 177, דארף זיך לייענען: שפילט ער שלאנגען גרינע, בלויע, גאלדיג-שטארבענדיגע.

י ערשטע שורה פונם דריטען פערז אינם דריטען ליד פון „צולעבערטע שאטענס“ ז. 181, דארף זיך לייענען: זיי פאלען אויף גאסען אין מילדע פרימארגענס און דורשטען נאך גראז.

ארטיסטישע דרוקעריי
מאנטרעאל, קאנאדא